שוין דערשינען
**„דאס בוך פון לעסטערונגען"**
**פון לעאָ קעניג**
**אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן.** פּרייז 21 שילינג
**דאָס בוך קען מען קריגן ביים „נאַראָד פּרעס", און בוך האנדלונגען.**

## געזוכט קרובים
איך זוך מיין שוועסטער יענטע, שוואָגער יודעל און קינדער, נאָלדין. זיי האָבן געוואוינט אין וואָלקאָוויסק, ליטע. דאָס לעצטע מאָל האָב איך געהערט פון זיי אין 1938. זיי זיינען געווען בעקערס. ווער עס ווייסט פון זיי אָדער זיי אַליין זאָלן זיך מעלדן צו:
Mr. N. Levenson, 6, St. Mary's Road, Leeds.

**דער**
**פּלאַץ**
**איז**
**רעזערווירט**
**פאַר**
**י. ביעטש.**

**By Appointment**
**Dealer in Antiques to**
**H.M. QUEEN MARY**

CAMEO CORNER
**(Proprietor: Mosheh Oved)**
**are**
**Buyers and Sellers**
**of**
**Interesting Old Jewels**

**26 MUSEUM STREET,**
**LONDON, W.C.1.**
**MUSeum 0401.**

**„די צייט"**
געגרינדעט אין 1913 פון
מאַררים מייער

**די איינציקע יידישע צייטונג**
**אין ענגלאַנד.**
**(בשעת דער מלחמה —**
**די איינציקע אין אייראָפּע.)**



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1*


# לשון און לעבן


**חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור**

**ניינטער יאָרגאַנג נו. 12 — העפט 107 — דעצעמבער 1948 לאָנדאָן**

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


## אינהאַלט:


29 נאָוועמבער 1947 — 29 נאָוועמבער 1948; ארורים הרשעים שאין טובתם שלימה; דער פּאַקל-געזאַנג פון די די.-פּי.-בריגאַדעס; די מנורה פאַר די טויערן פון ירושלים ........ ** 1
עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם (צום 29-טן נאָוועמבער) .. אליהו פּאַלושאַק 6
זיי קומען אָן... (ליד) .............. ס. פּאַלמע 7
דאָס חנוכה-ליכטל אין בונקער (סקיצע) .............. שבע גלאָס 9
חנוכה ליכטלעך וועלן ברענען (פּאָעמע) .............. יוסף הלל לעווי 13
אַ לאָנדאָנער שמש און די חנוכה סעודה (עפּיזאָד) ........ מאַרקס כהן 14
ס'טאַנצן בלעטער (ליד) .............. פייגעלע אינפעלד 17
אותיות וואָס לויכטן (באַגלייט-וואָרט) .............. משה עובד 19
זיין מאַמעס שטיין (דערציילונג) .............. אברהם ווייץ 20
יאַנקעלע (המשך — משיחס נסיעות און נסיונות) ........ משה עובד 24
מ'נעמט נישט אָן זייער רעזיגנאַציע (המשך אלדד און מדד) .. לעאָ קעניג 27
האַרבסט-און נעפּל-לידער; אַ קראַנק פאַרמאַטערט פערד;
קאַלענדעס 1948... .............. א. נ. שטענצל 30
„אונטערגאַנג פון יידיש" (רעפלעקסן) .............. ז. סעגאַלאָוויטש 36
אַמעריקאַנער נאָטיצן .............. יעקב י. מיימלים 38
על נהרות בבל .............. ש. ערנסט 42
יידן מאַכן שלום מיט דייטשלאַנד...? .............. דוב וואַרשאַווסקי 47
דאָס אַרויסציִען זיך פון געטאָ (המשך) .............. קאַראָל פּענדאָווסקי 52
אַ תשובה אויף אַ הייליקן „עמעס" .............. ש. י. דאָרפזאָן 56
סאָוועטישע ליריק (איבער פעפער'ס בוך) .............. ש. האַלקין 58
לייענענדיק... (רעצענזיע איבער קאָזשדאַנס אַ בוך) ...... מ. אַלמאַן 61
יערלעכע מיטגלידער פאַרזאַמלונג פון היגן ייוואָ (באַריכט) .............. 63
מיטטיילונגען איבער די שבת נאָכמיטאָגס .............. 64



**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענס**

אַבאָנענטס-פּרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר
**1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער**

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד-פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, E.1.

## וויכטיק פאַר אַלע וואָס פאַרשטייען יידיש
## יידישע ראַדיאָ-אוידיציעס אין וואַרשע

זונטיק, דינסטיק, דאָנערשטיק און שבת קענט איר הערן יידיש ראַדיאָ 22.10 אַ זייגער מיטל־אייראָפּייאישע צייט פון דער ראַדיאָ־סטאַציע „וואַרשע 3" אויף דער כוואַליע 48.25.

## פּ ר ײ נ ט פ ו ן י י ד י ש ל ש ו ן

טרעטן אויף ביי פּועלי-ציון איסט עווענױ נ.ח.3

מיטוואָך 8 אָוונט דעם 15-טן דעצעמבער

## אין אַן אָוונט פון די יידישע קלאַסיקער

עס וועלן זיך באַטייליקן

נ. רובין אייזיק גאָלדבערג י. ביעטש רעוו. ש. ראַטה

דעם רעפעראַט

א. נ. שטענצל

פריינט איינגעלאַדן — קומט אין צייט

## פ ר י י נ ט פ ו ן י י ד י ש ל ש ו ן
## א גאלא קאנצערט

וועט פאַרקומען

דאָנערשטיק דעם 16-טן דעצעמבער 1948

8 אַ זייגער אין אָוונט

אין פּיפּל׳ס פּעלעס מייל ענד רויד א.1

מיט דער באַטייליקונג פון די באַקאַנטע קינסטלער

כנורי, מאַד. סיליאַ ספּענסער, צבי סקושיפּעץ, חנה מעצגער, פיל ליכטענשטערן

פרייזן צו: — 2.0 5.0 7.6 10.6 — ביים סעקרעטאַר און אין אָוונט ביי דער קאַסע

מיר גרייטן צו די גרויסע אונטערנעמונג כדי צו קענען דעקן אונדזערע חובות און דעם דעפיציט

די חשובע חברים, לייענער און אַבאָנענטן דאַרפן זיך באַמיען צו פאַר־אינטערעסירן נייע לייענער פון „לשון און לעבן". העלפן פאַרשפרייטן דעם זשורנאַל!

און אויב מ׳שיקט אייך צו נאָך דריי חדשים דעם מאַגאַזין, שיקט תיכף צו פאַרן גאַנצן יאָר פאָראויס, ווייל מיר זיינען זייער געענגט אין געלט.

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און נעלרשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאָלגנדיקע אדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, London, E.9.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נײַנטער יאָרגאַנג נו.12 — העפט 107 — דעצעמבער 1948 לאָנדאָן

## 29 נאָוועמבער 1947 — 29 נאָוועמבער 1948

1

דעם 29־טן נאָוועמבער, 1947, נאָכהאַלבער־נאַכט הערנדיק אַז די יונאָ האָט מיט אַ גרויסער מערהייט מסכים געווען צו אַ מדינת ישראל, האָט אין האַרצן אַ ציטער געטון אַ גוט געפיל צו די פעלקער: ווילן זיי דאָך, ווי נישט איז, מיט עפעס וואָס, אונז מפייס זיין.....

אָבער, אַז דאָס האָט געקענט געשען, אין משך פון די לעצטע 12 חדשים, אין געגנוואַרט פון זייערע בערנאַדאָט־שלוחים, פון די בעאָבאַכטונג־קרייץ־פאַרהערער און פאַרער, און ס׳נעמט נאָך אַלץ נישט קיין סוף צו דעם וויסטן טייוולאָנישן שפּיל: אין אַ קליין מדינה׳לע פון 6־8 הונדערט טויזנט נפשות, פאַלן טויזנטער אין אומנויטיקע שלאַכטן, בלייבן טויזנטער קאַליקעס, די ער־לעכע שווערע חלוצים פראַצע ווערט צעשטערט, דערפאַר ווייל זיי פירן אויס דעם באַשלוס פון די פעלקער, אין ווען מאַכט עס ליגט צוריקצוהאַלטן דאָס בלוס־פאַרגיסן און לאַנד־פאַרוויסטן. — —

נאָך אַ יאָר לאַנג, ווי דאָס אַלץ איז געשען און געשעט ווייטער, פרעגט עס זיך מיט אַ פאַרביטערטן ציטער אין האַרץ: און אפשר האָבן זיי אונז גאָר געוואָלט אַריינפירן אין אַ צרה, וואָס איז זיי, — על אפם ועל חמתם!... נישט געלונגען, נאָר אַ דאַנק אונזערע שכלדיקע פאָליטיקער און אָפּפערווילּיקע העלדן.

נישט געפאַלן ווי די שוואַכע טרוסן זיינען די יתר הפליטה. (ווי זיי האָבן דערוואַרט אונזערע שונאים) און נישט אין היציקן ברידער־קאַמף זיך אַליין אַרויסגעטיליקט, (ווי געהאָפט ס׳האָבן „פריינדלעכע „באָאָבאַכטער") נאָר דוקא פאַרקערט, די ישראל גבורים זיינען זיי געוואָרן, אין איין עצה צו באַהיטן און צו באַצישן, די קרקע בתולה פון דער נייער פריש־געבוירענער ישראל מדינה.

2

אמת, ענגלאַנד קאָן זיך ריין וואַשן די הענט (נישט די זיידענע הענטשקעס, חלילה, וואָרים זיי וועלן איינלויפן...) פון דעם וואָס איז געשען אין די לעצטע 12 חדשים; זי האָט דאָך נישט מסכים געווען צו דער יידישער מדינה, ווייל זי האָט „מורא געהאַט" און געוואָרנט פאַר דער צרה...

שטעלט זיך אָבער די ביטערע פראַגע, ווי אַזוי קאָן זי, ענגלאַנד, יעצט זיך אַריינמישן, און שפּילן די ערשטע קאַמישע פידל אין די אַלע קאָמיסיעס בנוגע ישראל? וואָס איז עס איר עסק נאָך? פאַר איר עקזיסטירט דאָך אַזאַ מדינה בכלל נישט?!...

אַזוי ווי איך קען מיך נישט גאַנץ אויס אינם פּאָליטישן טיוּול־שפּיל, פיל איך ווי איך פאַרוויקל מיך שוין אין עפּעס אַ „קלאַוזל“! וועל איך ליבער באַלד אַרויס מיט גאַנצע ביינער און איבערזעצן מיין ווייטערציענדיקן לייט־אַרטיקל אין גראַמען — אין די טריקס, אין דעם זאַטל, פיל איך מיך דאָך אַ ביסל זיכערער! והשנית איז עס דאָך מער אַ פייערונג־מאמר, ווי אַן אַרטיקל.

יאָ, ס׳איז אַ יום טוב צודערלעבן אַ יאָר מדינת ישראל, צו דערלעבן דעם נס פון ורבים ביד מעטים. דאָס איז מסתמא דער מיין פון דער חנוכה מימרא: „ולשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה“. — מען מוז אויס־האַלטן אַזאַ יאָר, בכדי צו קאָנען פייערן ימים טובים! (פאַראַפראַזירט בלויז אַ וואָרט, וואָס דער גערער רבי האָט געזאָגט נאָך דער באַלפור־דעקלעראַציע...)

* * *

29־טער נאָוועמבער 1948 איז שוין נישט מער געשיכטע וואָס מ׳קאָן איבערדרייען, אַנדערש מאַכן — מיר ייִדן זיינען אַנדערש געוואָרן! אַ פאָלק וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין העלדן לאָזט זיך נישט מער אויסקוילענען. דער נס פון רבים ביד מעטים איז גרעסער ווי די מערהייט פון אַ יונאָ־באַ־שלוס... וועל איך שוין דעם לייטאַרטיקל ענדיקן בכי טוב מיט גראַמען, כ׳וועל אים איבערזעצן, כ׳מיין כ׳וועל די פיינע יונאָ־לייט באַזעצן ווי די חתנים — ס׳איז דאָך אַ יום טוב און זיי זיינען עס ווערט, זיי האָבנ׳ס כשר פאַרדינט און בעיקר — אויף דעם זיינען דאָך נעבעך פאַראַנען די אומשולדיקע און מאַכט־לאָזע גראַמען...

## ארורים רשעים שאין טובתם שלימה

„ארורים רשעים שאין טובתם שלימה“!
אַ הונגעריקן הונט אַ ביין צווואַרפן,
אַ בילנדיקן אויף דער קייט אים צו האַלטן —
דעם ביין צומאַל, ווייל אַ הונט זיי באַדאַרפן!

זאָל ער אין ביין זיינע האיליקע ציין שאַרפן,
זיך רייצן מיט הונגעריקן ירגזון,
שטיין גרייט אַזוי אויף הינטערשטע לאַפּעס זיינע,
פון סאַרפנדיקן קייט אים אַפּצולאָזן;

ווען פון יעגער־טראָמפּייטן זיי וועלן בלאָזן,
זאָל ער, אַ יאָגד־הונט, אין פאַנג זיך איינפליישן!
יאָ אַזאַ צוגעוואָרפענער הינטישער ביין,
דרעסירט בעסער ווי די קנאַליקסטע בייטשן — —

לייכטן פשט נאָר ייִדישלעך אים פאַרטייטשן —
די וועלט אַליין צו פאַרשטיין איז דאָך אַן אימה!
אין אַזאַ וואַרטנדיקן הונט צו פאַרוואַנדלען,
אַלץ ווילער ווי אין מענטש דעם מלא חימה.



„ארורים רשעים שאין טובתם שלימה“ —
זייער גוטסקייט פאַר די הינט אַרויסצוואַרפן!
זיי וועלנס דערשפּירן באַלד אין אייגענעם פלייש,
ווי האַרט דער ביין, ציין אין אים אויסצושאַרפן — —

צוויי טויזנט ביזע לאַנגע יאָר צו באַדאַרפן,
ביז ס׳וואַקסן אויס אַזעלכע פעסטע ציינער,
אַז שאַרפן זיך זיי אין אַזאַ האַרטן קנאָכן,
זאָל זיך נישט אויסברעכן פון זיי קיין איינער.

נישט נאָר אין אייער פלייש, אין אייערע ביינער
וועלן זיך אַריינרייסן טיף די ביסן — — —
מסתמא אַזוי ערשט, מיט שן תחת שן, קאָן מען
דעם ריכטיק ייִדישלעכן טייטש זיך דערוויסן:

עס האָט נאָך קיין רשע, פון לויטער געוויסן,
אַ צוויטן אויף אַזויפיל עפּעס געגעבן,
מ׳מוז עס שוין נעמען פון אים, מיט ציין און נעגל,
אין דער וואָס קען נישט, בלייבט זיין הונט ס׳גאַנצע לעבן...

## דער פאַקל־געזאַנג פון די די.־פּי.־בריגאַדעס

אונזער טראָט פון גלוטיקן אַש אַרויס,
עס שפּריצן די פונקן פון די אויגן!
אונזער האַרץ — פויגל־פעניקס־געפלאַטער,
פון די פלאַמען אַרויפגעפלויגן.

פייערדיקע צעפלאַמטע אַזעלכע,
אַליין די פלאַקערן מיר זענען!
פון די ברענענדיקע הויפנס אַראָפּ,
שייטערס וואָס האַלטן נאָך אין ברענען.

ס׳קאָן אין האַרץ די חרפה, די נקמה
קיינמאָל נישט אויפהערן צו גליען;
ס׳איז אונזער לעבן אַ פלאַמיקע שווערד
פון דער שייד נאָר אַרויסצוציען.

אויב אין אַטאָם־שטויבל ווערט צעריסן — — —
ערשט אַ גאַנץ פאָלק אויף שטויב צעריבן!
ס׳טליעט אַ פונק אונטער אַש פאַרבאָרגן,
אַ לעצטער אונז איבערגעבליבן.

פון אור־כשדים ביז אוישוויץ־טרעבלינקע,
איין קאַלך־אויון, אַ געוואַלטיק־גרויסער,
פונקט ווי פון שכם ביז וואַרשעווער־אויפשטאַנד,
איין ברידער־פויסט, אַ נאַקעט־בלויסער...

שמשון הגבור האָט ערשט די פלאַקערס,
מיט פיקס־עקן געמוזט פאַרבינדן,
מיר זענען אַליין אַצינד די גלאָוונעס,
גאַנצע וועלט שוין אונטערצוצינדן.

„מי כמוך באלים אדוני״ — — —
ווער ווייס גאָטס פאַרהוילענע וועגן ?
אין אַש און אין רויך ס׳וועט די וועלט אַוועק,
וועט זיך ווער שטעלן אונז אַנטקעגן !

אויב קיין גערעכטיקייט צווישן מענטשן,
טאָ ווער ברויך אַזאַ וועלט איבגאַנצן ?
ס׳איז אין מענטשלעכע הערצער דאָס פייער,
פאַלש־אויפלאַקערדיקע פינאַנסן,

אויב פאַטראָליום פאַר מלחמה־טאַנקן,
איבער גאַנצער וועלט צו פאַרהאַנדלען,
אויף דעם האָט זיך דאָס מזבח־פייער *,
אין אַ נאַפט־קוואַל געטון פאַרוואַנדלען...

דעם „אש תמיד תוקד״ צ׳ריקאַנצוצינדן,
פון אַש אַצינד דער פונק מיר זענען !
אין דער וועלט דאָס גערעכטיקייט־פייער,
אַדער אין איר זינד זי פאַרברענען — —

„מי כמוך באלים אדוני״ — — —
ווער ווייסט גאָטס פאַרהוילענע וועגן ?
אין אַש און אין רויך ס׳וועט די וועלט אַוועק,
וועט זיך ווער שטעלן אונז אַנטקעגן !...

ס׳איז דער ערשטער טראָט צו גערעכטיקייט,
איבער אונזער צעטראָטן לעבן — — —
ס׳קאָן אַ האַרץ מיט ליבשאַפט זיך אַנצינדן,
פונקט ווי מיט נקמה — מיט פאַרגעבן !

*(דעמאָלט ווען דער כהן־גדול האָט באַהאַלטן דאָס קריגעלע בוימאייל, האָט ער אויך באַהאַלטן דאָס פייער פון מזבח, און אין חנוכה האָט ער אויפן אָרט פונם באַהאַל־טענעם פייער געפונען אַ לעבעדיק וואַסערל און עס אָנגעצונדן אויפן מזבח. — דאָס איז דער נאַפט.) (ספר חשמונאים.)



אונזער טראָט פון גלוטיקן אַש אַרויס,
אַלע הערצער פויקט ער צוזאַמען :
זאָל אַ פרייד־פאַקל אויפלויכטן די וועלט,
אַדער אויפגיין אין רויך און ג׳פלאַמען.

אונזער טראָט פון גלוטיקן אַש אַרויס,
דעם לעצטן בלוט־שליאַד האָרט צופאַרטרעטן,
צו פאַרדעקן די חרפה פון דער ערד,
און מענטש מיט מענטש איבערצובעטן.

## די מנורה פאַר די טויערן פון ירושלים

אַזאַ דערנידריגונג צו קענען אויסהאַלטן,
איז צו קענען ווערן נאָר אַזוי דערהויבן ;
נישט נאָר בלויז פון שייטערהויפן פלאַמען אַרויס —
פון קרעמאַטאָריום׳ס נאָך צו קענען דיך לויבן ;
מי כמוך באלים אדוני — — — — — —

אַז פונקט אַזוי ווי נישט פאַרשטאַנען אונזער בראָך,
די נסים אַצינד נישט משיג זיין מיר קענען,
אַ חוץ, אַז פונקט אַזוי ווי איביק דו ביזט, גאָט,
אַזוי געהייליקט־געאייביקט מיר עס זענען :
מי כעמך ישראל גוי קדוש — — —

צייל דאָך איבער גאָט די קרעמאַטאָריום־קוימענס,
און געבאָט ווי לאַנג די פייערונג זאָל דויערן —
ווי אין הימל דער רעגנבויגן נאָך מבול,
די מנורה פאַר ירושלים׳ס טויערן :
מי כמוך באלים אדוני — — —

וואָס פאַר אַ ליכטיקייט איבער דער גאָרער וועלט,
פון ליכט געצינדענע אין אַזעלכע רערן,
פון דיין מויל אַליין באַר, גאָט, ווי דעם „יהי אור״,
דעם שהחינו צו קענען דערהערן ;
מי כעמך ישראל גוי קדוש — — —

אַז אין פינסטערן תוהו ובוהו אַצינד,
די גאַנצע וועלט זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן,
און דער צייכן דערצו זאָל נאָך ליכטיק אויפגיין,
פון מבול אונזערן פון בלוט און פון טרערן ;
מי כעמך ישראל גוי אחד.

## עס האט פארכאפט דעם אטעם...

(צום 29־טן נאוועמבער, 1947, ווען אונז האט באשלאסן חלוקה פון ארץ־ישראל)

...און דער ראט פון די פעלקער פון דער וועלט, פון די גרויסע און פון די קליינע האט אין זיין מערהייט באשלאסן, אז דאס לאנד פאלעסטינע זאל ווערן געטיילט, און אז א שמאלער פאסעק לאנד, וואס ציט זיך פונם גליל העליון (אויבער־גאלילעא), צווישן סוריה און לבנון ביזן צפון׳דיקן שפיץ פונם ים סוף זאל ווערן איבערגעגעבן אינם רשות פונם יידישן ישוב אין פאלעסטינע.

אבער דאס איז נישט געווען עפעס, וואס זאל פארכאפן דעם אטעם. וואסערע ברירה האבן זיי דען געהאט, זיי, די פארטרעטער פון דער פעלקער־אסיפה? נאכדעם, ווי די מאנדאט־מאכט האט ארויסגעוויזן איר אומפעאיקייט צו רעאליזירן די הבטחות פון דער באלפור־דעקלעראציע, און נאכדעם, ווי דער ישוב איז אויסגעוואקסן א שטארקער און געשלאסענער גייסטיקער און פיזישער כח. איז דער באשלוס פון דער אונא געקומען ווי כמעט א זעלבסט־פארשטענדלעכקייט.

... און עס איז געקומען דער 15־טער מאי, דער שלוס־טאג, ווען אלע בריטישע טרופן האבן לויט צוזאג און אפמאכונג געזאלט פארלאזן דאס לאנד. זוכט נאך איערע צייטונג פון די דאזיקע טעג! לייענט זייערע איבערשריפטן און איר וועט געפינען, צו וואס זיי האבן זיך צוגעגרייט, יענע פינצטערע כחות, וואס זיצן אויך אין דער אונא און האבן א געוואלטיקע דעה אין דער אסיפה פון די פעלקער פון דער וועלט, און ווילן זיך נישט אונטערווארפן דעם באשלוס פון דער מערהייט.

מיט גרויסע אותיות האבן זיי געשריגן, די קעפלעך אין אלע גרויסע צייטונגען דא אין לאנד און ווארט־אנדערש, אז זיבן ארמייען פונם געאייניקטן אראבישן בונד פון צפון, מזרח און דרום מארשירן אויף דעם לאנד ישראל, און מען האט עס איבערגעלאזט אייער פאנטאזיע זיך אויסצומאלן די פאלגן און רעזולטאטן פון דעם דאזיקן מארטיאלישן פעלד צוג.

און עס האט זיי פארכאפט דער אטעם, זיי, די שונאים, די אפענע און וועלט־באהאלטענע. די גרויסע אותיות פון די שרייענדיקע קעפלעך אין דער פרעסע איבער אראבישע נצחונות זיינען געווארן קלענער און קלענער. די גרויסע סענסאציעס פון די ווארטענדיקע נצחונות איבער דעם קליינעם ישוב אין ארץ ישראל האט זיך אויסגעלאזט, ווי א געפלאצטער קינדישער לופט־באלאן, נאך ווייניקער, ווי זייפן־בלאזן.

מיט האפנונג און שרעק האבן מיר אליין, וואס זיינען ווייט און דערווייטערט פונם ישוב אין ארץ ישראל, געלעבט פאר און נאך דעם טאג פונם 15־טן מאי 1948. און אויך אונדז איז געווען פארכאפט דער אטעם... א פראוויזארישע רעגירונג האט זיך געבילדעט באלד דעם טאג, ווי די מאנדאט־מאכט האט לעגאל און פאקטיש אויפגעהערט צו פונקציאנירן אינם לאנד. מדינת ישראל



איז דער נאמען פונם נייעם לאנד, דער נאמען איז א פאקט און א רעאליטעט.

אין די פאר חדשים פון איר עקזיסטענץ האט די פראוויזארישע רעגירונג נישט נאר אפגעשלאגן אלע אנגריפן פון די ארומיקע שונאים, נאר האט אויך אויפגעמאכט די טויערן פאר די שארית־הפליטה, פאר די שקלאפן פון נעכטן, און קאנסאלידירט אירע כחות אויף דעם עקאנאמישן און פאליטישן געביט.

יא, עס האט זיי פארכאפט דעם אטעם, זיי אונדזערע שונאים פון דרויסן און די האלב־אנטשלאסענע און די שאינו יודע לשאול׳ס אין אונדזערע אייגענע רייען. און זיי פארגיסן טינט און טרערן און זוכן אן ענטפער אויף דער פראגע:

פון וואנען דער כח?

ס׳איז דער כח פון א פאלק, וואס וויל לעבן. ס׳איז דער כח פון א פאלק, וואס איז שעפעריש און שאפונגס־פיאיק. ס׳איז דער כח פון א ישוב, וואס איז ארגאניש געוואקסן און דער כח פון א פאלק, וואס איז געווארן פארשניטן און דעצימירט, אבער ארגאניש נישט פארטיליקט.

און אלץ, וואס איז ארגאניש, לעבט און וועט ווייטער לעבן. עס ליגט א גרויסער סאציאלער און סאציאליסטישער ווערט אין דעם ארגאנישן ווייטערוואקסן פונם יידישן ישוב אין מדינת ישראל. פון אומעטום קומען זיי, די מחנות נעכטיקע שקלאפן פונם אמאליקן היטלער־אייראפע; פון די פריפעטער בלאטעס און די פאנטינישע זומפן, פון די ברעגעס פון דער ווייסל און די ברעגעס פונם רהיין, פון די בעמישע וועלדער און דעם באנאט.

און עס קומען אויך די דעקלאסירטע עלעמענטן פון די באזארן פון דמשק און פון די ליימענע כאטעס פון סודאן, אלזשיר, תימן און מאראקא.

און איצטער אויך כמעט 2000 פליטים, וואס האבן זיך געראטעוועט פון היטלערן, אין שאנכאי, אין ווייטן מזרח...

און זיי קומען און שטרוימען אריין — צו לעבן און צו בויען.

געקומען זיינען זיי די שונאים פון צפון, מזרח און דרום, און געוואלט האבן זיי ארייניאגן דעם ישוב אין ים אריין, די אומרחמנות׳דיקע וואסערוואנט וואס ליגט אויף דער מערב־זייט פון מדינת ישראל.

עס איז זיי נישט געלונגען, די שונאים, עס האט זיי פארכאפט דער אטעם...

## ס. פאלמע

### זיי קומען אן!...

מארש! מארש! — זיי קומען אן:
מיט טראמפייט־רוף, מיט פויק און פאן,
פון יעדן ארט, פון יעדן לאנד.
פון יעדן שטאם, פון יעדן שטאנד:
מיט הערצער — שטאל און פריידנס־לוסט,
מיט ריטם־שוואונג, געשטרעקטע ברוסט:
אין רוים זיך טראגט קאוואדלע־קלאנג,
דעם שמידערס ליד, — א מארש־געזאנג:

מאַרש! מאַרש! מאַרש!
זינגען דרייסטע שמידער־יונגען,
אַנגעפּילטע זײַנען לונגען:
דאָרט גענידערט, דאָ געהויבן,
ס׳שטאַרקט בטחון, ס׳פירט דער גלויבן:
ווי אור־אַלטע קעמפער־זיידעס,
זייערע גייסטער זאָגן עדות:
אויף די שליאַכן ביים מאַרשירן
און זיי טייטלען און זיי פירן:

מאַרש! מאַרש! מאַרש!
קומען זיי פון גרויען נעכטן,
ניט מיט פּחד פון פאַרקנעכטן,
ניט מער „אפשר", ניט מער „סברה", —
מיט באַגינען קומט די בשורה:
אַלטע סטעטשקעס, אַלטע שליאַדן,
איצט געטראָטן פון „אַטראַדן":
מכבי׳ער און מדבריות,
אָפּצומעקן בראַנד אַכזריות:

מאַרש! מאַרש! מאַרש!
רונד און ראַנד פון ערדן־קײַלעך,
ווער פון נאָענטן און מהלך,
קומען זיי און זיין מחדש,
הימלאַנד־ערד זיי זיין מקדש:
מיט לשונות ניט פאַרשטענדלעך,
דאָך מיט הערצער ענלעך, ענלעך;
אין די קאַמפן אויסגעקאַוועט,
ביי די שייטערס אויסגעכאַוועט:

מאַרש! מאַרש! מאַרש!
נאָר זיי שפּאַנען, טאַפּטשען, טרעטן
און עס טוען זיי באַגלייטן:
אָט די זיידעס פון פאַרצייטן,
אין די קאַמפן, אין די שטרייטן
און זיי צילן און זיי גרייכן; —
דורך דעם מדבר־זאַמד דעם ווייכן:
קומען זיי פון טויזנט וועגן —
שלום־עליכם, ס׳איז דאָך אייגן!...



אייגן דער גלויבן, אייגן דאָס בלוט!
אייגן דער גורל, אייגן דער מוט!
אייגן די טרערן, אייגן דער ווערט!
אייגן די הימלאַנד, אייגן די שווערט!
מאַרש! מאַרש! מאַרש!
מאַרש! מאַרש! מאַרש!

## שבע גלאַס (לינץ־בינדערמיכל, עסטרייך)

## דאָס חנוכה־ליכטל אין בונקער

מיט פאַרשידענע קונצן פלעגט ר׳ ביניש בושעזשינער איינשטעלן דעם הונגער ביים זיבן יאָריקן בן־יחידל; טיילמאָל מיט אַ קוש, מיט אַ פאָטערלעכן גלעט — און בעת שלאָפּלאָזע נעכט, ווען מאָטעלעס גופל פלעגט זיך צונויפקורטשן ניט קענענדיק איינשלאָפן, פלעגט דער טאַטע, אַנשטאָט ברויט, „קאָרמען" מאָטעלען מיט מעשה׳לעך אָן אַ שיעור.

און מאָטעלע פלעגט זיך אַזוי איינהערן צום טאַטנס ווערטער. אַז זיין אויסגעבלייכט פּנימל פלעגט ממש זיך אָנצינדן שטראַלנדיק מיט פרייד און בטחון: — דערצייל טאַטעלע ווייטער... און דערנאָך... און ווייטער וואָס איז געשיין...

האָט מאָטעלע שוין געקענט דעם טאַטנס אַלע מעשהלעך פון אויסנווייניק, און אָן אַנגעזעטיקטן מיט קינדערישן גלויבן, פלעגט ער אַלצדינג איבערדערציילן צוריק דעם טאַטן און מיט בענקשאַפט און אומגעדולד געציילט יעדער שעה פון טאָג, אָפּוואַרטנדיק די גאולה.

און אַזוי אָפּטמאָל אָן איינזאַמער, אָן אויסגעפּרווירענער, פלעגט מאָטעלע אונטערן פענצטער אין די פינצטערע ווינעדיקע האַרבסט־אָוונטן, אָפּוואַרטן דעם טאַטן. זיינע דערשלאָגענע בליקן פלעגט ער אַנשטעלן אין דער ריכטונג, פון וואַנען ס׳האָט זיך געצויגן אַ שמאָל געטרעפּלט געסל מיט איינגעהויקערטע הייזלעך, און אַ פאַרבענקטער פלעגט ער אָפּוואַרטן ביז ביניש וועט זיך אומקערן פון זיין פאַרשקלאַפטער רעסאָרט־אַרבייט.

ווען ביניש׳ס דאַרער גוף פלעגט זיך, אַ וויגנדיקער ווי אַ בוים בעת אַ שטורעם־ווינט, דערשלעפּן אויף זיינע אָפּגעדראָלענע פיס צו זיין אָרעם־גרויי „געבאָרגט" לעבן, פלעגט מאָטעלע הענגען אָן זיין מידן פאָטער, און מיט הונגעריקע בליקן אָרומנישטערן אין די ליידיקע טאַשן, פאַרשנדיק גלייכצייטיק בינישעס שטימונג. צום סוף פלעגט מאָטעלע זיך ווידער באַגנוגענען מיטן טאַטנס צוזאָגעניש, אַז מאָרגן איינדערפרי וועט ער ברענגען אַ פרישע „ראַציע ברויט".

יאָרן האָט ביניש געטראָגן קאַרגע פערציק און אפשר אויך אַזויפיל

קנייטשן אויף זיין שטערן; יעדער קנייטש — שארף פאראקערט ווי סטעזשקעס צווישן בייטן. אין יעדער סטעזשקע איז געלעגן טיף באהאלטן דער צאָרן מיט זיינע לאנגע וואָרצלען. זיין פנים איז איינגעשרומפן פון טאָג צו טאָג און איז געוואָרן קליין און געל ווי אַ לימענע. פון דעם אַמאָליקן אָנגעזעענעם ברייטן ר׳ ביניש איז אַ שאָטן נאָר פארבליבן. נאָר פאר אלץ און אלעם האָט ר׳ ביניש אַ באַשייד געפונען. האָבן די ס.ס.־מענער ביי אים אויסגעזידלט דאָס ווייב מיט זיין 5 יאָריקער חנהלע — האָט ער זיך געטרייסט מיט זיין איבערגעבליבענעם מאָטעלע: „ביי אנדערע איז דאָך דאָס אויך ניט געבליבן״.

אַן אָנגעגורטער מיט האָפנונג, אַז גאָטס גערעכטיקייט וועט זיך ענדלעך באַווייזן, האָט ביניש געגלויבט, אַז אָט־אָט וועט זיך דער מלחמה־קאָשמאַר אויסרויכערן, און סוף כל סוף וועט זיך דער הימל באַווייזן אַ לויטערער. אַ קרישטאָלענער. — און דעמאָלט וועט ער אויפסניי אָנהויבן דאָס בלאַט פון לעבן.

שטארקער פון אלץ מאַטערט אָבער בינישן און לאָזט אים נישט צורו, וואָס מאָטעלע זינקט ממש אין די אויגן. דאָס דינע הייטל פון זיין בלייך אויסגעצערט פנימל האָט זיך פארצויגן מיט אַ ביטערע גרימאַסע — און ארום די מויל־ווינקלען האָבן זיך באַוויזן צוויי טיפע קנייטשן ווי ביי אַ דערוואַקסענעם. מאָטעלען לאָקט שוין אַפילו מער ניט דער פרילינג מיט זיין זון; אויך די שבתים און יום־טובים זענען פאר אים געוואָרן פראָסטע גרויע טעג.

פסח, בעת דער סדר־נאכט, ווען ביניש האָט דערציילט וועגן יציאת מצרים, האָט מאָטעלע פארשעמט אַראָפגעלאָזן דאָס שוואַרצע קעפעלע און אַ טיפן זיפץ געגעבן. נאָר בעת די קשיות פון מה נשתנה, האָט מאָטעלע שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן... זיינע ליכטיקע אויגעלעך האָבן זיך אָנגעפילט מיט גרויסע טרערן־טראָפנס ווי בעת אַ גאַס־רעגן, וואָס פאלט פון בלויען הימל אין אַ העלן פרילינג־טאָג...

— פארוואָס זאָל איך פרעגן די קשיות, אַז אונטער דעם טישטוכל איז ניט פאראַנען קיין ברעקל מצה?

אויך אויף יום־טוב סוכות האָט מאָטעלע זיך פארעקשנט און ניט געוואָלט בשום אופן באטרעטן די סוכה: — מיט וואָס טוט זיך אונזער שטוב אונטערשיידן פון דער סוכה, אַז אין דער שטוב הוליעט דער ווינט און דער רעגן קאַפעט פון דאַך, פונקט און גענוי ווי אין דער סוכה?

אַמליבסטן פון אַלע יום־טובים דערוואַרט מאָטעלע דעם יום־טוב חנוכה. נאָר ניט צוליב דעם חנוכה־געלט — ווייל וואָס וועט ער טאָן מיט די פּאָר גראָשן, אַז קיין צוקערקעס באַקומט מען סיי ווי סיי ניט. אויף לאַטקעס ריכט ער זיך אויך ניט, ווייל ווער וועט דאָס זיי מאַכן, אַז אַ דייטש האָט צוגענומען די מאַמען. וויפיל מאָל ער פרעגט זיך ביים טאַטען ווען די מאַמע וועט צוריקקומען, זאָגט אַלץ דער טאַטע איבערמאָרגן. און הגם דער טאַטע זאָגט אים צו, אַז אויף חנוכה וועט ער באַשטימט מאַכן ריכטיקע לאַטקעס פון



קאַרטאָפל־שאָלעכץ — גלויבט מאָטעלע עפעס ניט דעם טאַטן... שוין אַזוי פיל מאָל געגנאַרט... אָבער מאָטעלען בענקט זיך אַזוי שטאַרק נאָך אַ טראָפן ליכט; שוין אַזוי לאַנג אין דער שטוב קיין ביסל ליכטיקייט געצונדן. און דערצו נאָך וועט דער טאַטע אים אַרויסגעבן דעם צינקענעם טרענדער, וואָס ליגט אַ גאַנץ יאָר אויסבאַהאַלטן. און שפילן וועט ער אַזוי היי־יאָר מיט חיימלען דעם טישלערס, אַז פאַלן וועט ער מוזן כסדר אויף דער „גימל״...

* * *

איז טאַקע געקומען מאָטעלעס אויסגעבענקטע חנוכה 1943. ווי תמיד אין דער צייט, האָט די נאַטור אויך דאָס מאָל די ערד באַשאָנקען מיט אַ ווינטער־בגד — מיט אַ ווייסן אומשולדיקן שניי. אָבער די געטאָ־גאַסן זענען דעמאָלט געלעגן ווי מתים, געהילטע אין ווייסע תכריכים קליידער. קיינער האָט זיי שוין מער ניט געוועקט. ס׳האָט מער ניט אַרויסגעקוקט דאָס געמיטלעכקייט פון דער יידישער שטוב. פון די פענצטער האָט מער ניט אַרויסגעלויכטן דאָס דורות־אַלטע חנוכה־לעמפל. פון די פאַרלאָזענע פענצטער, וואָס זענען געשטאַנען ווי פאַרחלומט, האָט ווי פון די יידישע אויגן אַרויסגעקוקט אַ פאַרפינצטערטקייט און אַ פאַרשעמטקייט. קיין שום סימן פון לעבעדיקייט. אויף דעם שניי האָט זיך מער ניט געצייכנט קיין יידישע פיאַטע און קיין שום קינדער־שיכל. עס האָט מער ניט געקלאַפט דאָ קיין יידישער אבר. ביי די גאַסן צוקאָפנס, זענען געשטאַנען די הייזער אויסגעלאָשענע און האָבן מיט טויזנטער שטומע מיילער אַרויסגעשריגן דעם יידישן קרעכץ. נאָר קיינער איז זיך ניט געקומען איינהערן... אַרום די דעכער האָט געהאָנגען דאָס אייז — ווי טריפנדיקע ליכט נעבן זייער בר־מנן. ס׳האָט געהערשט אַ פאַרגליווערטקייט. דער דייטש האָט נאָך אָסיען־צייט 1942 אַרויסגערוימט קינד און קייט פון שטעטעלע בושעזשין. נאָר ערגעץ־וואו אונטער דער ערד אין קעלערס פון איינגעוואָרפענע הייזער, זענען געלעגן פאַרטייעט, צעוואָרפן אומגליקלעכע יידישע משפחות, און געטראַכט דאָרט איבערוואַרטן די בלייערנע וואָלקנטעג, וואָס זענען איבער זיי געהאָנגען ווי אַ שוואַרצער פאַרהאַנג.

דאָרט טיף אין אַ פאַרוואָרפענעם קעלער, וואָס ציט זיך לענגאויס בינישס איינגעפאַלענער באַטקע, זענען איינגעמויערט פיר ברעטער — אַ קעסטל מיט אַ צודעק ווי אַ קינדער־קברל — און דאָרטן ענג־איינגעפאַסטע ווי אין אַ מטה וואוינען צוגעקאָוועטע צום גורל, פאַרהאַמעוועטע נאָך שפרודלדיקע לעבנס, מיט אַן אומבויגזאַמען ווילן און ווילדן באַגער פון איבערלעבן — מאָטעלע און זיין טאַטע.

דער טאָג איז זייער נאַכט. די נאַכט איז זייער טאָג. די נאַכט מיט איר טונקלקייט נעמט זיי אין שוץ. די פינצטערניש דינט ווי אַ געטרייער חבר. מיט דער פינצטערניש האָט ביניש זיך איינגעלעבט ווי אַ פלעדערמויז — זי ווייזט אים די וועגן צו די אויסגעליידיקטע הייזער, וואו ער קען פראַנק און פריי אַרומנישטערן, צונויפזאַמלען די פאָר פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט און אַ ביסל רינשטאָק וואַסער און צוריקפויזן אויף אַלע פיר צו זיין פינצטערן גרוב. אויך האָט מאָטעלע זיך צוגעוואוינט צו די מייז און ווערים פון

קעלער, און קוים באַוויזט זיך אַ מײַזעלע, גיט ער אים בלויז אַ גלעט איבערן קעפּעלע, גלײַך ווי עס וואָלט אים זאָגן: מאַטעלע, שרעק זיך ניט פאַר מיר — איך בין דאָך ניט קיין מענטש... קיין לעבעדיקע מענטשן פרעס איך ניט.

און כאַטש אויף מאַטעלען און אויף בײַנישן פוילן שוין די בגדים פון קעלער פײַכטקייט, איז פונדעסטוועגן בײַניש אָנגעגורט מיט יידישער האָפ־נונג: „אין די לעצטע מינוטן וועט אונזער גאָט ניט פאַרלאָזן". מאַטעלעס פּנימל האָט באַקומען אַ ליים־קאָליר און זײַנע בריליאַנטענע אויגעלעך זען אויס ווי זיי וואָלטן געווען אײַנגעפאַסט אין אַ מאַרמאָרענעם שטיין. מאַטעלע האָט זיך אַזוי אײַנגעלעבט מיטן גורל, אַז ער קאַפּריזעוועט ניט מער. דער טאַטע זאָגט אים, אַז אַ ייד מוז אַלץ דערליב נעמען — פאָלגט ער דעם טאַטן.

* * *

הײַנט איז חנוכה און בײַניש צינדט אין קעלער דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל.

הוידען זיך די פלעמעלעך אויף ברעטעלע, אַן אײַנגעמויערטס אין דער ערדענער וואַנט, ווי בײַ אַ גוסס צוקאַפּנס. אַ שטיל ציטערדיק געזאַנג פון ה־נ־ר־ו־ת ה־ל־ל־ו פילט אָן דעם טונקלנעם חלל פונעם קעלער־גרוב.

— מאַטעלע, זאָג מיט מיר וואָרט בײַ וואָרט. אין זכות פון אונזער הײַ־ליקן גלויבן וועט גאָט זיך מרחם זײַן...

מאַטעלעס אייגעלעך טריפן ווי די ליכטלעך. ער מאַכט אַן אָנשטרענגונג, כדי צו קענען אַרויסבאַקומען אַ שטימע פון הייזעריקן העלדזל: ה־נ־רות ה־ל־לו, — צעגיסט זיך אַ וויינענדיק געזאַנג.

מאַטעלע וואָלט זיך אַזוי וועלן שפּילן מיטן טרענדער, זאָל זיך כאָטש אײנמאָל באַווײַזן פאַר אים די „גימל"... אָבער זײַנע שווערע הענטעלעך, אָנגעשוואָלענע מיט רעומאַטיזם, באַוועגן זיך ניט מער. אַ צוגעוואַקסענער צום קעסטל, ליגט ער און זײַנע האַלב אויסגעלאָשענע אייגעלעך זענען צוגע־שמידט צו דער טונקעלער שײַן, וואָס אַט־אַט, האַלט עס זיך בײַם לעשן...

— אוי מאַטעלע, כ'האָב אַזוי מורא צו זײַן אין דער פינצטער, פאַרוואָס וויל דאָס ליכטעלע ניט ברענען אַזוי לאַנג ווי דאָס קריגעלע מיט אייל...

* * *

די פינצטערניש האָט אײַנגעהילט דעם אָרום. דער הימל ווי אַ שוואַרצער טרויער־קרעפּ איז געהאָנגען איבער די פאַרשנייטע געטאָ־געסלעך. אָרום איז געווען שטיל, קיין שאָרך. נאָר שווערע קלינגנדיקע שטיוול־טריט און אַ פײַפן שווישטשערײַ פון ס.ס.־וועכטער, וועלכע האָבן ווי יעגער געטשאַטעוועט אויף אַ יידישן אָטעם — האָבן אַדורכגעשניטן די בית־עולם שטילקייט. באַמערקע־דיק פון דער ווײַטנס אַן אָפּשײַן, וואָס האָט זיך אַדורכגעשלאָגן דורך אַ קעלער שפּאַרונע ווי פון אַ קבר רויס — האָבן זיי זיך געלאָזט אויף זייער רויב...

טראַך, טראַך... אַ שטילער קרעכץ און לעצטער שמע־ישראל־געמורמל האָבן זיך צונויפגעמישט מיט טיװולאַניש הילכיקן געלעכטער, זיך צונויפגע־גאָסן אין דער לופטן פון שנײיִקן אָרום און אײנאײנעם ערגעץ ווײַט און הויך פאַרשוואונדן...



יוסף הלל לעווי

## חנוכה ליכטלעך וועלן ברענען!...

אין דער שטוב נאָר מרה שחורה,
מאַמע עלנט ליגט פאַרלאָזט, —
אויפן פענצטער אַ מנורה
אויסגעמאָלן האָט דער פראָסט.

און אפילו קליינע קנייטלעך
לייכטן זיך אַרויס מיט חן,
פון די זילבער בלומען־קוויטלעך
שעמערירנדיק און ריין.

נאָר אין שטוב ניטאָ קיין ביסן,
שוין פון לאַנג דאָרט הערשט די נויט, —
מאַמעס קלייד און שיך צוריסן,
טאַטע ווו פאַרשלעפּט צום טויט...

מאַמע, — אַ פאַרוואָס דען ציטער
איך אַזוי פאַר קעלט, ווער בלאָ?
און די מאַמע ענטפערט ביטער:
ווייל קיין קוילן איז ניטאָ...

ווער וועט הײַנט דען ליכטלעך צינדן,
ווייטער פרעגט דאָס קינד מיט ווי...
מאַמע ענטפערט שטיל מיט ווינדן:
אויפן פענסטער ברענען זיי...

ניט אזעלכע ליכטלעך מיין איך,
נאָר דעם טאַטנס גאָלדן, בלוי...
קינד, מיין לעבן, תמיד וויין איך
ווען דו רעדסט צו מיר אַזוי...

אַ וואָס פייניקסטו דיין מאַמען,
מיט אזעלכע האַרטע רייד?
עכטע ליכטלעך ברענען, פלאַמען,
אין מיין האַרצן פול מיט לייד...

מיינע טרערן, מרה שחורה,
און מיין שפּלות, צער און ווי;
אין דער בלוטיקער מנורה
פונעם האַרצן ברענען זיי...

ווייל מיין יאוש מיט די וווּנדן,
און די אָנמאכט מיט דער נויט,
חנוכה־ליכטלעך אָנגעצונדן
האָבן אין מיין הארצן רויט...

און זיי וועלן ניט אויפהערן
ברענען, פלאַקערן און גלי'ן, —
מיט מיליאָנען מאַמעס טרערן
ביז צום גרויסן יום הדין — —

ווען מיט אמת גאָט וועט ריכטן,
הייבן אויף זיין פייער שווערט,
יענעם תלין צו פארניכטן,
אַ, דעם גרעסטן פון דער ערד!

דאַמאָל מעוז צור ערשט קענען
וועט מען זינגען אויף פאַר גליק, —
חנוכה־ליכטלעך וועלן ברענען
אויף דער גאַנצער וועלט צום זיג...

(פונם יעצט דערשיינענעם בוך „מיין טאַטע דער סופר און אַנדערע פּאָעמעס")

## מארקס כהן

# א לאנדאנער שמש און די חנוכה סעודה

(אַ חנוכה־עפּיזאָד)

נאָך אלס יינגל האָב איך זער ליב באקומען דעם יום טוב חנוכה. דורך די ווינטערדיקע, קאלטע, אומעטיקע טעג, קומט ער אָן ווי אַ דערפרישונג. אין שטוב — אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט. די אָנגעצונדענע חנעוודיקע חנוכה־ליכטלעך, באַלייכטן און באשיינען אלע ווינקעלעך, און אין אַ יום טוב'דיקער שטימונג, דערציילט מען זיך ניסים ונפלאות פון אונזערע אַמאָליקע ערהאַבענע גרויסע העלדן, די מאקאבעער. וועלכע האָבן געקעמפט ווי לייבן, און אוועקגעגעבן זייער לעבן פארן כבוד פון זייער פאָלק, באַפרייט זייער לאנד ישראל און באנייט דעם בית המקדש. הכלל, ס'איז פריילעך און לעבעדיק. מען זינגט הנרות הללו. מעוז צור, און דער טאטע טיילט אויס די קינדערלעך זייער חנוכה געלד. די גרויסע שפילן קאָרטן און די קליינע — דריידלעך, און דער עיקר, מ'עסט לאטקעס און מ'לאָזט זיך וואוילגיין. ס'איז ליהודים.

דער יום־טוב פורים נעמט ביי מיר נישט אויס אַזוי ווי חנוכה. ערשטנס, מוז מען זיך צוערשט גוט אָפּפאַסטן, והשנית, ווערן מיר עפּעס געהאָלפן דורך אַ יידיש מיידל און דורך אַן אַלטן שיכור — כ'ווער באַליידיקט! חנוכה אָבער שמעקט מיט חשמונאים, מיט העלדן, און העלדישע יינגלעך האָב איך אייביק ליב געהאַט שוין אַלץ יינגל.

פון דעמאָלט אָן, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט פארפעלט צוצוגרייטן יעדעס יאָר, אַ פיינע חנוכה סעודה. טרעפט זיך אַמאָל, אַז איך באקען זיך גראד מיט אַ רומענישן סטאָלער וועלכער איז געווען אַ גרויסער מומחה, אין באקן פלייש מיט קנאָבל, און איינשטעלן קרויט אין פערטלעך, ניט אין לאָקשן ווי אנדערע זענען זיך נוהג. איך, האלטנדיק שטארק פון אכילה און שתיה, בין איך מיט אים געוואָרן זער באפריינדעט, און ער לערנט מיך אויס זיין ספעציאַליטעט, די מלאכה פון באקן פלייש מיט קנאָבל, און איינשטעלן קרויט אין פערטלעך. מיט דער הילף פון מיין פרוי, האָבן מיר איינגעשטעלט אַ פעסעלע קרויט, אַזוי ווי דער סטאָליאַר האָט אונז אויסגעלערנט. און מען האָט אונז אויך געראָטן אריינצוואַרפן גרינינקע טאָמאטאָס, און טערקישע פעפערלעך. הכלל, ס'האָט זיך אונז זער גוט איינגעגעבן וואָס בעסער האָט גאָר ניט געקענט געמאָלט זיין, ס'האָט פשוט געהאַט אלע טעמים, טאקע טעם גן עדן, אַ כפרה אלע ווייַנען.

איך האָב פארבעטן אלע מיינע גוטע שכנים און פריינד, און זיי אָנגעזאָגט, אַז דאָס יאָר, וועלן זיי האָבן אַ סעודה כיד המלך. איך האָב באַשטעלט ביי מיין קצב, אַ בעל הביתישע פאָרציע פלייש צום באקן, און אויך געבעטן מוחל זיין, צו צושניידן דאָס אַלץ אין חלקים, מיט זיין שארף מעסער, און אויך נישט פארגעסן צו קויפן אַ פעשל קאָרטן, אַזוי ווי דער מנהג איז. מיין ווייב, אַ גרויסע בריה צו באקן לאטקעס, פון צוריבענע קארטאָפל, האָט דאָס אָפּגעבאַקן אין הינערישן שמאלץ און אָנגעגרייט אַ סעודה מיט פארשידענע געטרענקע און שארפע משקאות, כיד המלך.

מיינע חברים און פריינד האָבן זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון די מאכלים און באַהויפּטעט, אַז אַזוינע מטעמים, האָבן זיי נאָך קיינמאָל ניט פארזוכט. נאָך עטליכע לחיים'ס, האָבן זיך מיינע געסט געפונען אין אַ בגילופנדיקן מצב, און זיך אָנגעהויבן נוהג זיין אויפן חסידישן שטייגער, כאַפּן שיריים איינער פונם צווייטנס טעלער.

אין דער זעלבער צייט איז געקומען דער שמש פון שול, וועלכער איז געווען אַ גאָר פרומער ייד. דאָס פּנים איינגעראַמט אין אַ בכבודיקער שיינער באָרד, און לאַנגע נאָכהענגענדיקע פאות. אָבער אַ גאַנץ נישקשהדיקער עם הארץ. געקומען איז ער איינמאָנען „חנוכה געלד" און ביישטייערן פאַר די תלמוד תורה קינדער, אַזוי ווי דער מנהג איז. און מיר האָבן אלע בייגעשטייערט ביד רחבה, און אים אויך פארבעטן צום „שלחן ערוך", צום פיינעם געדעקטן טיש, אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל משקה, און ער מאכט אַ ברכה. מיין פרוי האָט אים מכבד געווען מיט אַ היבשן טעלער חנוכה־לאַטקעס און אַ פיינע פאָרציע פלייש. דער שמש אַ נישקשהדיקער אכלן, נעמט זיך צו דער עבודה, וואַשט זיך די הענט צום „שאו ידיכם", מאַכט המוציא, און פאַרטיפט זיך אין דער שיסל פלייש און לאטקעס, מיט גרויס כונה.

— אוי, אוי, — זאָגט ער, — אַ מאכל מלכים, איר הערט רבותי? אויב דער שור הבר איז אַזוי באַטעמט ווי די חכמים דערציילן אונז, זענען זיי שוין גאָר קיין נאַראָנים ניט געווען.

...און פאַרזוכנדיק פונם צווייטן מאכל, פונם קרויט, ווערט ער שוין גאָר נתפעל, ער זאָגט, אַז ס׳איז אַזוי געשמאַק, אַזוי מתיקותדיק, ממש ווי דער יין המשומר.

און מחמת ער האָט נאָך געהאַט צוצוגיין צו אַנדערע מקומות, איינצומאָנען זיין חנוכה־געלד, האָט ער זיך געאיילט און גיך אָפּגעבענטשט, און האָט זיך גאָרניט געקענט באַדאַנקען פאַר די פיינע מטעמים. ביים אַוועקגיין, טוט ער מיך אַ פרעג אין איילעניש:

— מר. כהן, זאָגט מיר איך בעט אייך, ווי אַזוי גרייט איר צו אַזוינע באַטעמטע פלייש?

איך האָב אים ערקלערט אויף אַ פּראָסטן אופן: איך נעם קנאָבל, רויטן פעפער, זאַלץ, אַביסעלע אינגבער און צורייב דאָס אַלץ, און באַשמיר מיט דעם דאָס פלייש, און לייג דאָס צוזאַמען, און אַז די פלאַמען פון פייער גייען אַוועק, באַק איך דאָס. טוט ער מיך ווידער אַ פרעג:

— נו, און וואָס איז מכח זאַלצן און ווייקן?

און נאָך אײדער איך האָב אים געוואָלט ערקלערן, אַז ווען מען באַקט פלייש אויפן פייער, באַדאַרף מען ניט ע״פ דין זאַלצן און ווייקן, איז ער געוואָרן בלייך ווי קאַלך און איז אַ מבולבלדיקער באַלד נעלם געוואָרן, גלייך איך וואָלט אים אָפּגעבריט. חברה האָט זיך צעלאַכט, און געזעצט זיך מאַכן אַ קערטל לכבוד חנוכה.

אין משך פון אַ שעה צייט, קומט ער צוריק און פרעגט מיך, וואו איך קויף אַזאַ גוט פלייש. ענטפער איך, וואָס הייסט? אודאי ביי הערשל קצב! דאָרט וואו איר קויפט איין! זאָגט ער:

— איר ווייסט מר. כהן פון וואַנען איך קום אַצינד?

— פון וואַנען זאָל איך ווייסן? — פרעג איך.

ער קומט, זאָגט ער, פונם רבין, ער איז קוים אַ לעבעדיקער אַהין פאַרלאָפן פרעגן אַ שאלה, געמיינט, ער איז חלילה נכשל געוואָרן אין אַ גרויסער עבירה, זיך לא עלינו אָנגעגעסן מיט טריפ׳עס ר״ל, אָבער דער רבי זאָל לעבן, האָט אים בארואיגט און אים מסביר געווען, אַז ע״פ דין, אויב מען וויל באַקן בשר אויפן פייער, דאַרף מען ניט זאַלצן און ווייקן.

— ר׳ ייד, — זאָג איך, — טאַקע דאָס האָב איך דאָך איך געוואָלט ערקלערן, נאָר איר זענט אַנטלאָפן ווי אַ פעפער.

פון דעמאָלט אָן, ווען ער דערזעט מיך נאָר, פרעגט ער מיך:

— מר. כהן, ווען וועל איך ווידער אַמאָל טועם זיין די באַטעמטע מאכלים?

ענטפער איך:—לשנה הבאה אי״ה, אין חנוכה, וועלן מיר ווידער פּראַווען די זעלבע סעודה, און אַז איר וועט צוזאַמענקלייבן גענוג „חנוכה געלד״ וועט מען אייך אַריינעמען אין קאָן צו אַ קערטל.



# פייגעלע אינפעלד (פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־גרופּע אין לאָנדאָן)

## ס׳טאַנצן בלעטער

1

ס׳טאַנצן בלעטער אויפן בוים,
כאָטש זיי אַלע לעבן קוים,
כאָטש עס ווערט ביי זיי דאָס פנים
שוין מיט קרענקליכע סמנים,
איינגעדאַרט ווערט זייער הויט,
און די פאַרב ווערט געל און רויט
ווי אַ קראַנקער אויף סוכאָטעס,
וואָס טאָפּטשעט אין טיפע בלאָטעס —

2

ווען ס׳איז הימל בלוי און ליכטיק
און די זון — זי שיינט,
טאַנצן בלעטעלעך אויפריכטיק
אַלע זענען פריינט;
נאָר ווען ס׳בייזערט זיך דער הימל
און דער ווינט זיי יאָגט —
טאַנצן זיי אין אַ געווימל
יעדער זיך זער פלאָגט.

3

בלעטער האָבן ליב צו שלאָפן
ווען עס קומט די שוואַרצע נאַכט,
אָבער ליבער האָבן בלעטער
טאָג, ווען אַלעס וואַכט.
ס׳האָבן בלעטער זיך געווינטש
בייגן קעפּ טיף ביז צום בויך
אָבער בלעטער קענען הייבן,
הייבן זיך זער הויך..

4

ס׳טאַנצן בלעטער איינס און צוויי
און די צווייגן אויך מיט זיי,
אָטאָ טאַנצט שוין אויך דער בוים
און דער אָרום — פונקט ווי אין טרוים.
ס׳טאַנצט דער הימל, ס׳טאַנצט די ערד,
ס׳טאַנצט דער וואָגן מיטן פערד,
ס׳טאַנצט דער באַרג און ס׳טאַנצט דער טאָל
פונם צפון ביזן דרום פּאָל.

5

און פון ערגעץ, ערגעץ ווייט
טראָגט מוזיק זיך וואָס באַגלייט,
און אַ צויבערדיק געזאַנג,
פון נאַטור און לעבנסגאַנג.
און די קירכן גלאָקן קלינגען
און די פייגעלעך — זיי זינגען,
און נשמה׳לעך זיך הייבן
צו דעם הימל — אין גן־עדן.

6

נאָר די אורוועלט תמיד דרייט זיך
איז עס דאָך פאַרשטענדלעך,
אַז דער זומער אָדער ווינטער
זענען ניט אומענדלעך.
ס׳איז דער האַרבסט מיט זיינע ווינטן
געקומען אויף דער וועלט
און מיט זיינע דיקע וואָלקנס
זון און ליכט פאַרשטעלט.

7

ס׳איז איצט שטאַם און בוים פאַרבליבן
ווי אַ טאַטע־מאַמע,
וואָס פאַרלוירן זייערע קינדער
אַלינקע צוזאַמען.
און די בלעטעלעך איצט טאַנצן
אומעטיק און וויינען:
מיר היימלאָזע יתומימלעך
האָבן איצט ניט קיינעם.

8

יעדער טרעט אונדז מיט די פיס,
מאַכט מיט אונדז זיך ס׳לעבן זיס,
יעדער ייִד און יעדער קריסט
טרעטן קען אונדז אויפן מיסט.
אַך, מיר האָבן מער קיין כוח;
מיר — מיר געלעבט נאָך וואָלטן אויך!
נאָר, באַלד שטאַרבן מיר אינגאַנצן —
לאָמיר ס׳לעצטע מאָל כאָטש טאַנצן.

9

כאָטש עס קומט נאָך האַרבסט דער ווינטער,
קומען וועט אַ שטאַרקער דונער,



ס׳וועט דער פרילינג זיך באַווייזן,
און דערנאָך דער ליבער זומער.
כאָטש עס לעבן נישט מער די בלעטער
און די צווייגן אויך צעבראָכן,
לעבט דער שטאַם און ס׳לעבן וואַרצלען
און אויף זיי — מיר מוזן האָפן.

## משה עובד

## „אותיות אין בלוט״

### פון אברהם ווייץ. פאַרלאַג „אויפסנײ״, פּאַריז, 1948.

דער פּראָפעסיאָנעלער קריטיקער קען זיך לעזן ס׳בעסטע בוך און עס פאַרשווייגן ווייל ער האָט איבער זיין גאָלדענער פעדער אַן אייזערנער קאָנ־טראָל. אָבער דער אַמאַטאָרישער קריטיקער קען זיך ניט אַזוי לייכט גובר זיין. לעזט ער אַ גוט בוך מוז ער עס תיכף אויספּיקן אויב ניט פּלאַצט ר״ל זיין ענטוזיאַסטיש האַרץ.

דער שרייבער פון די שורות זייענדיק פון דער צווייטער קאַטעגאָריע, ווען ער האָט לעצטנס שטאַרק נהנה געווען פון דעם אויבן דערמאָנטן בוך, האָט ער געוואָלט נעמען אַ שופר און אויסשאַלן די בשורה פאַר דער גאַנצער וועלט. קען ער דאָך אָבער ניט בלאָזן, ווייל דאָס איז לײדער אויך אַ פּראָפע־סיע! — האָט ער געכאַפּט זיין אויסגעטריקנטע פעדער, זי גע׳טובל׳ט, אַוועקגעלייגט אונטער אירע שוואַרצע פיסעלעך אַ ווייסע פּאַפּירענע בינע און אויסגערופן „וויאָ! גליטש זיך! שפּרינג! און טאַנץ מיר אויס אַ לויבגעזאַנג צום מחבר פון „אותיות אין בלוט״.

האָט די פעדער דאָס אויסגעטאַנצט:

ווי דניאל איז אַרויס פון דער פינסטערער לייבן־גרוב
און איז געוואָרן אַן אייביקער תושב,
אין גאָט׳ס ליכטיקער שטוב,
אַ פלאַם־פייערדיקער פרייהייט אַנצינדער
פאַר אַלע געפייניקטע קינדער
אַזוי איז אברהם ווייץ פונקט אַזוי גוט,
אַרויס פון די פּיסקער פון נאַצישע שלאַנגען,
זיי צו דערטרינקען אין „אותיות אין בלוט״,
אין אונאויפהערבאַרע איכה׳ס און געזאַנגען.

דער מנהג פון געניטע קריטיקער איז אַרויסצוכאַפּן אַ שטיקעלע דאָ, אַ פיצעלע דאָרט, איבערצוצייגן דעם לייענער וואָס פאַר אַ גרויסער גאון דער פאַרפאַסער פון בוך איז, ווי דער געניטער פרוכט־הענדלער וואָס גיט דעם

קונה עפעס גוטס צו פארזוכן און פאקט אים איין א פארפוילט פעקל... אבער לא כן אנכי, איך געב אייך דא טועם צו זיין א גאנץ קאפיטל, איינס פון די קלענסטע און נישט פון די גאר בעסטע, און אפילו פאר דעם וועט איר דעם מחבר זיין דאנקבאר מכל שכן אז איר וועט נאך לעזן ס׳גאנצע בוך.

## אברהם ווייץ (פאריז)

## זיין מאמעס שטיין

דער פרימארגן איז געווען א טריבער, ווי דאס געמיט פון די הונדערט יידן, וואס די דייטשע זשאנדארמעריע האט צוזאמענגעקליבן אין אן איינגענומען פויליש שטעטל און זיי געפירט צום יידישן בית־עולם.

די הונדערט יידן — די גרעסטע טייל יוגנטלעכע, חסידישע שווארצע בערדלעך און היימישע וואוילע יונגען — זענען געגאנגען שווייגנדיקע מיט אראפגעלאזטע קעפ... אין אויפבליק פון זייערע אויגן איז געווען צו דערקענען, אז זיי געזעגענען זיך מיט דער ארומיקער וועלט... זייער פארגעפיל איז געווען, אז מען פירט זיי צום טויט.

ארום איז געווען שטיל. פרימארגן־שטילקייט. ווען דער הימל איז פארכמארעט, די וועלט — פארנעפלט און א טאג ווערט געבוירן א טונקעלער, אן זון, וואס ווארפט אן אומעט אויף דער וועלט.

א פויעריש פורל איז פארבייגעפארן. אן אלטער פויער אין א בריטן גראנאטענעם קאשקעט מיט צוויי ווייסע אראפגעהאנגענע וואנסעס, ווי פון ווייסע וואטע, האט זיך איבערגעצלמט, קוקנדיק אויף דער גרופע געטריבענע יידן. די יידן האבן אויפגעציטערט... זיך אנגעקוקט מיט שטומע בליקן... אין דעם פויערס איבערצלמען זיך, האבן זיי דערזען זייער אומגליק... דא און דארט האט ווער באגראבן א זיפץ אין א חסידיש בערדל.

אנגעקומען צום בית־עולם, האבן די יידן דערזען א בילד: די מצבות מיט די גאלדענע יידישע אותיות — אויסגעריסן פון באדן. הונדערטער הייליקע שטיינער, דער איינציקער אנדענק פון יידישע מאמעס, טאטעס, ברידער, שוועסטער, פון זיידעס און עלטער־זיידעס, ליגן געשענדעטע, צעבראכענע, פארבלאטיקטע, געטראטענע מיט מערדערישע שטיוול.

אויף א קרום־צווייגנדיקן בוים, וואס האט זיך דורות־לאנג געוויגט איבער יידישע קברים, הענגט דער אלטער קברן חיים־הירש. זיינע געלאטעטע בגדים זענען צעריסן אין פאסן און געפלעקט מיט בלוט... א פראסטע שטריק ארום זיין בויך, אין דער שטריק — א תהלים מיט אלטע אפגעריבענע טאוולען. זיין ווייסע לאנגע בארד, זיינע ווייסע צעשויבערטע האר, גלאנצן ארויס פון די טונקעלע בגדים. זיין לאנג־ביינערדיק פנים מיטן הויכן שטערן זעט אויס פון וויטן, ווי א גיפס־מאסקע, אויף וועלכן עס שלענגלען זיך פארטרוקנטע ריטשקעלעך בלוט... די אויגן פון דעם באגראבער זענען אפן, ווי ביי א לעבעדיקן מענטשן. עס דאכט זיך, אז דער קברן קוקט אראפ אויף די



אויסגעריסענע מצבות, וועלכע ער האט פינף צענדליק יאר אפגעהיטן, ווי אן אויג אין קאפ. און אפילו מיט זיינע טויטע אויגן באוויינט ער זייער שענדונג... ביי זיינע פיס ליגט זיין אויסגעלאשענע לאמטערנע און א שטעקן, וואס האט דעם באגראבערס לעבן געטראגן צוואנציק יאר.

— צו דער ארבעט, צו דער ארבעט! — האבן די וואכמייסטערס גענומען אריינשטויסן מיט די ביקסן־קאלבעס די אויפגעציטערטע און נאך מער באליידיקטע יידן...

דער קאמאנדא־פירער האט א פייף געטון און עס האט זיך ארויסגערוקט פון הקדש־שטיבל אן אלטער לאמער פאליאק מיט א קארטאפל־נאז. ער האט זיך אראפגעכאפט דאס היטל און מיט הכנעה זיך איינגעבויגן פאר דער דייטשער מאכט.

— צום באפעל, מיינע הערשאפטן, צום באפעל! — האט דער פאליאק געקוקט אויפן קאמאנדא־פירער מיט צאפלדיקע בליקן.

— האסטו גרייט געמאכט די טאטשקעס ארויסצופירן די שטיינער?

— יאוואאל, הער אפיציר, אלץ איז גרייט!

— נו, גוט; ארויספירן די טאטשקעס!

און באלד האט זיך ווידער געהערט א פייף און דער קאמאנדא־פירער האט אויסגערופן:

— פאסטנס, איר שטעלט מיר די יידן אויס צו דריי! מיר ווילן די ארבעט גלייך פארטיילן. ביז ארום זעקס אונט וויל איך דא אויף דעם פלאץ קיין איין שטיין נישט געפינען.

— צום באפעל, הערר קאמאנדא־פירער!

באלד האבן די פאסטנס אנגעהויבן מיט א ווילדקייט אריינצושטויסן די יידן אין דער ריי. די שטארקערע האבן זיי אויסגעשטעלט פארנט — די שוואכערע — אין די הינטערשטע רייען.

דער קאמאנדא־פירער האט שטייפלעך פארביימארשירט די אויסגעשטעלטע יידן, יעדן איינעם אריינגעבליצט אין די אויגן, ביז ער האט זיך אפגעשטעלט ביי בערקע טרעגער.

דאס איז געווען א הויכער דרייסיק־יעריקער יונג, א ריז. א פנים ווי פון שטאל אויסגעהאמערט, מיט צוויי גרויסע שווארצע אומדערשראקענע אויגן. אויפן קאפ — א גראנאט היטל מיט א לאקירטן דאשעק. ארום דעם היטל דריבנע, שווארצע קרייזלעך. זיינע געלאטעטע ברוינע הויזן אריינגעשארצט אין צוויי גרויסע כאלעוועס פון א פאר מיליטערישע שטיוול. געשטאנען איז ער אויסגעצויגן, ווי א סאלדאט און מיט א פיזישער זיכערקייט אריינגעקוקט דעם קאמאנדא־פירער אין זיינע באברילטע גרויע אויגן.

— וואס ביסטו פון בארוף, מענטש? — האט דער קאמאנדא־פירער מיט א פינגער א שטאך געטון בערקעס ברוסט.

— א טרעגער! — האט בערקע מיט שטאלץ אויסגערופן.

— א טרעגער? — נו, גוט; דו געפעלסט מיר, מענטש. דו נעמסט דא

איבער די קאַמאַנדע איבער די הונדערט יידן. דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעך, אַז די אַרבעט זאָל ברענגען אונטער די הענט. פאַרשטאַנען, מענטש?

— פאַרשטאַנען! — האָט בערקע אויסגערופן מיט אַן אומצופרידנהייט...

— אָנועקטרעטן צו דער אַרבעט!

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער שטילער, טויטער בית־עולם געוואָרן רוישיק און טומלדיק. צענדליקער טאַטשקעס אָנגעפילט מיט יידישע מצבות האָבן זיך געראָלט אויף ברעטער, וואָס בערקע האָט זיי אונטערגעשטעלט, ווי הילצערנע שינעס. צענדליקער רעדלעך האָבן געקוויטשעט מיט ענגע שרויפן, נאָר טויב צו ווערן. צענדליקער יידישע זיפצן זענען אַרײַנגעפאַלן אין די טאַטשקעס, וואָס האָבן אַרויסגעפירט יידישע דורות צום מיסט־באַרג. דאָ און דאָרט איז אַ וואַכמײַסטער אונטערגעקומען מיט אַ שטעקן אין האַנט און האָט וועמען דערלאַנגט איבערן קאָפּ; דאָס האָט אַ ייד זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן וועג און זיך פאַרטראַכט... די לופט איז פול געוואָרן מיט דײַטשע ריטשנדיקע קולות און מיט אַ יידיש פײַנלעך שווײַגן...

בערקע טרעגער איז געשטאַנען בײַ אַ צענויפגעזאַמלטן באַרג שטיינער און האָט אויפגעלאָדנט די מצבות. יעדן שטיין האָט ער באַטראַכט מיט אויגן פון אַ בלינדן.. ער האָט געקוקט אויף די אותיות און האָט זיי נישט געקענט איבערלייענען צו וויסן וועמען זײַנע אייגענע הענט פירן דאָ אַרויס פון הייליקן אָרט.

מיטאַמאָל האָט בערקע אויפגעהויבן אַ שטיק פון אַ צעבראָכענער מצבה און ער האָט זיך דאָס אַליין נישט געקענט דערקלערן, פאַרוואָס האָט זײַן האַרץ דאָ מער אַ צאַפּל געטון, ווי בײַ אַנדערע מצבות... ער איז לאַנג געשטאַנען און באַטראַכט דעם שטיין מיט פינטלדיקע אויגן... די מצבה איז אים פאַרגעקומען באַקאַנט... קוקנדיק אויף דעם שטיין איז אים טונקל געוואָרן פאַר די אויגן... ער האָט געפילט, ווי דאָס בלוט לויפט אים אָפּ פון פנים... און עפּעס איז אים באַפאַלן אַזאַ הייליקער ציטער, ווי יום־כיפור צו „כל־נדרי“, ווען ער איז דאָס אײנציקע מאָל אין יאָר אין שול...

אַז מענדל בעסערמאַן, אַ חסידישער יונגערמאַן, איז צוגעקומען מיט זײַן טאַטשקע צום אויפלאָדן, האָט זיך בערקע ווי אויפגעוועקט פון אַ חלום, זיך אײַנגעבויגן און געפרעגט:

— מענדל, וואָס שטייט דאָ אויף דער מצבה געשריבן?

— האשה הצנועה מרת שרה בריינדל בת רחל!

אַ ווילד געשריי, ווי אַ דונער־קראַך, האָט אויפגעריסן דעם בית־עולם. בערקע איז אַ פאַל געטון אויף די קני מיט דער מצבה אין האַנט. זײַן שטימע האָט געוואָיעט, ווי גאָרנישט קיין מענטשלעך באַשעפעניש. מיט די ליפּן, ווי אַ דורשטיקער צו אַ קוואַל, איז ער צוגעפאַלן צום שטיין, אים באַדעקט מיט קושן, ווי ער וואָלט דאָרט אַרײַנגעהויכט זײַן אָטעם....

— מאַמע מײַנע! — האָט זיך זײַן קול פאַרקלעמט אין דער קעל...

די יידן האָבן אָפּגעשטעלט די טאַטשקעס און געבליבן שטיין פאַרגלי־



ווערט מיט די אויגן געווענדט צו בערקען. די וואַכמײַסטערס מיט דעם קאָמאַנדאַ־פירער בראָש, זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן. זיי זענען געבליבן שטיין לעבן בערקען. אַ ווײַלע באַטראַכט דאָס בילד און דערנאָך זיך הילכיק צעלאַכט:

— כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!

בערקע איז געלעגן אויף דער ערד מיטן קאָפּ אויף זײַן מאַמעס שטיין. אין זײַנע אויערן האָט געררוישט דאָס טיראָלאַנישע דײַטשע געלעכטער... ער האָט אויפגעהויבן זײַן קאָפּ, לאַנגזאַם, לאַנגזאַם און זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פײַער פון האַס און נקמה... זיי זענען געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער...

— אויפשטיין און ווײַטער מאַכן! — האָט דער קאָמאַנדאַ־פירער בערקען אַ קאָפּע געטון מיטן שטיוול.

בערקע האָט גאָרנישט געענטפערט, בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין“ און נאָך פעסטער צוגעדריקט דעם שטיין צו זיך...

דאָס פנים פון קאָמאַנדאַ־פירער האָט זיך פאַרקרימט און ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער שרײַענדיק:

— ווילסט דערשאָסן ווערן ווי אַ הונט, מענטש?

דערזעענדיק דעם רעוואָלווער, האָט די שרעק פאַרן טויט נאָכמער אויפגעוועקט אין בערקען דעם דורשט נאָך נקמה... און נישט לאַנג טראַכטנדיק, איז ער אַ ווילדער אויפגעשפרונגען, מיט אויגן, אין וועלכע עס האָט געברענט דער יידישער צאָרן, אַ הויב געטון דעם שטיין מיט דער גאַנצער קראַפט און רציחה, וואָס האָט איצטער געברויזט אין זײַן קערפער און מיט אַ מעכטיקן בראַזג אים אַראָפּגעלאָזט אויפן קאָמאַנדאַ־פירערס קאָפּ...

דער קאָמאַנדאַ־פירער איז געפאַלן מיט אַ געשפּאָלטענעם שאַרבן...

אַ וואַלד מיט דײַטשע קולות האָבן אויפגעשטורעמט. אַלע ביקסן אין וואַכמײַסטערס הענט, האָבן געצילט אויף בערקען. נאָך עטלעכע קראַך איז ער געפאַלן מיט דער מוטערס שטיין אין דער האַנט...

דער אַלטער קברן חיים־הירש, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ בוים, האָט אַראָפּגעקוקט מיט זײַנע אָפענע טויטע אויגן. ער האָט געזען ווי די וואַכמײַסטערס טרעטן איבער בערקעס טויטן קערפער און שמײַסן מיט ריטער זײַן אויסגעלאָשן פנים... ער האָט געהערט די דײַטשע טיראָלאַנישע געוואַלדן. ער האָט געהערט די געדריקטע מוראדיקע שטילקייט פון די איבעריקע יידן. און מיט זײַנע טויטע ליפּן האָט דער קברן געזאָגט:

— בערקע, דעם זעלבן בית־עולם, וואָס די דײַטשן האָבן געשענדעט, האָסטו מיט דײַן טויט פאַרהייליקט אויף אַלע אייביקייטן...

פּאַריז, יאַנואַר, 1946.

# משיחס נסיעות און נסיונות

## יאַנקעלע

### קאַפּ. יא.

ווען משיח האָט אויסגעשאָקלט די קאַפּיטאַליסטישע־פּאַפּעריסטישע קאַר־סעטן שטאָט, איז פון איין געסעלע וואָס האָט געהאַנדלט מיט דימאַנטן און מיט פּערלען, און מ׳האָט עס גערופן דער „חזיר־מאַרק״, אַרויסגעפאַלן אַ קליין פּויליש ייִדעלע, ווי אַ ברייזעלע פון אַ חמץ בייטעלע און אים האָט מען גערופן יאַנקעלע.

אין זיין צולאַנגן פּאַלטן אונטער זיין האַרטן קאַפּעליוש, איבער די אויערן האָט ער אויסגעזען ווי אַ גוט אויסגעפּאַשעט יידל, און די ענערגיע וואָס ער האָט פאַרטאַכלעוועט אין רייד, בליקן און אין געסטאַקולאַציעס וואָלט געגוגנט פאַר דער מעכאַנישער טרייבקראַפט פון אַ גאַנץ שטעטל.

אויף יאַנקלען האָט אפילו משיח׳ס שאקל ניט געמאַכט קיין רושם. „יידן!״ האָט ער געשריגן, „וואָס איז די מציאה מיט משיחן? נו איז ער געקומען. נו וואָס איז? דאַרף מען שוין קיין לעבן נישט מאַכן? מה רעש? גאַרנישט! אַ משוגענע וועלט! פון אַלעם מאַכן זיי אַ צימעס!״

און ווען יאַנקעלע איז געוואָר געוואָרן אַז משיח שטייט אין אויפן יושר־באַרג האָט ער צו זיך געזאָגט! „כ׳זאָל אַזוי לעבן ווי מ׳דאַרף עפּעס פאַרדינען אין אים״.

און יאַנקעלע האָט זיך אַנגעטון זיין לאַנגסטן ציצה־כנפות, אָנגעלאָדנט זיינע טאַשן מיט זיין סחורה און אַרויף אויף דעם יושר־באַרג עפּעס פאַרדינען.

אויפן באַרג זיינען שוין געווען אַ היפּשער עולם פון באַפרייטע מענטשן. משיח איז געווען אין אַ גוטער שטימונג און ס׳אייזעלע האָט זיך אונטערגעלענט ס׳האַרץ מיט אַן עקסטראַ פּאַרציע מן.

ווען משיח האָט דערזען יאַנקלען זיך דערנענטערן האָט ער געזאָגט צום אייזעלע „זעסט נישט אַ מענטש גייט? וויש דיר אָפּ דאָס מויל.״

דאָס אייזעלע האָט קוים געדאַנשעט זיך אָפּצווישן ס׳מויל און יאַנקעלע עפּענט שוין זיין מויל און עס פליסן און גיסן זיך רייד איבער רייד. און דאָס זיינען בלויז עטלעכע ווערטער פון יאַנקעלעס ים פון רייד:

אַ גוטן מאָרגן איך משיח־לעבן! קוים אין צרות זיך דערוואַרט אויף אייך. גם זה לטובה! אוי, לאַנג לעבן זאָלט איר מיר! איך האָב געבראַכט אַ פּאַר פאַרגרעסער גלעזער. גיט אַ קוק! אַ גרויסע מציאה זאָל איך אַזוי לעבן. איר וועט אודאי בעסער אַן זיי. האַ, האַ, האַא, מיין ווייב האָט מיר אָבער געזאָגט נעם נישט מיט די גלעזער, משיח וועט זיי נישט קויפן. זאָל איך אַזוי הערן שופר של... וואָס רעד איך פאַרע שטות? אַזוי האָט זי מיר געזאָגט אַ קלוגע יידינע, זי וואָלט נאָר ניט געווען אַזאַ מרשעת. האָב איך אָבער פאַר משיח־



לעבן דאָ אַ בשמים־ביקסעלע, איי, איי, איי, איז דאָס אַ צאַצקעלע. (און ער קושט זיינע שפּיץ פינגער), מיין רבי האָט עס געבראַכט אַזש פון פּוילן. די נאַציס האָבן איר עס געוואָלט צונעמען האָט דער רבי געזאָגט ניין! איר קענט ביי מיר אויסשניידן ס׳האַרץ אָבער נישט ס׳בשמים ביקסעלע. ס׳האָט דאָך באַלאַנגט צום בעל שם טוב.

— אַזוי, מאַכט צו אים משיח, באַלאַנגט צום בעל־שם־טוב!

משיח האָט דערפון געשמעקט, און עס געגלעט מיט ליבשאַפט. זאָגנדיק אַ קליינקייט דער ריח נחוח פון בעל שם טוב! אַ טייערע זאַך!

יאַנקעלע האָט דערשמעקט אַז דאָס בשמים־ביקסעלע האָט געפּאַנגען משיח׳ס האַרץ צעקאַכט ער זיך שוין אַזוי אויף אַן אמת!

— סטייטש, אַ טייערע זאַך! סטייטש אַ טייערע זאַך! כל הון דעלמא כולא (דער גאַנצער פאַרמעגן פון דער וועלט) קען עס דען קויפן? ווי איז נאָך דאָ אַ צווייטער? נאָר גאָר נישט, אַזוי ווי עס האָט געפונען חן אין משיח׳ס אויגן וועל איך נעמען דרייסיק פונט.

משיח גלעטענדיק ליידענשאַפטלעך ס׳בשמים־ביקסעלע:

—דרייסיק פונט! פאַרוואָס ביסטו אַזוי טייער? וויל איך האָב עס אַזוי ליב. אוי ביסט דו אַ טייערער יאַנקעלע!

— איך שווער ביי גאָט ס׳קאָסט מיך. . . . .

משיח: — ששש, עס איז שוין הייליק גענוג אַן דיין שבועה.

— יאַנקעלע: זאָל איך אַזוי. . . . .

משיח האַקט אים איבער, איך וואָלט עס געקויפט ביי דיר, אָבער איך בין דאָך אַראָפּגעקומען אָן אַ פּרוטה ביי דער נשמה, און דו וועסט דאָך מיר נישט געטרויען.

ווערט שוין יאַנקעלע שטאַרק אויפגערעגט:

— נישט געטרויען! סטייטש נישט געטרויען! סטייטש נישט געטרויען! סטייטש נישט געטרויען! ער חזרט דאָס איבער אונציילבאַרע מאָל און בשעת מעשה ליידיקט ער אויס זיינע עטלעכע און צוואַנציק טאַשן און טעשלער און אויף דעם יושר באַרג וואַקסט אויס אַ באַרג פון כלערליי צירונג: פּאַטשערקעס, שאַכטלעך, שקעטעלעך, רינגעלעך, שמאַנקעס און בראַנקעס, עס ציען זיך פון זיינע טאַשן קייטן ווי שלאַנגען און זייגערלעך ווי בייגעל. דער באַרג צירונג ווערט גרעסער און גרעסער און יאַנקעלע אַליין בלייבט שטיין אַ דין־מאָגער איינגעפאַלן יידעלע, אַלץ שרייענדיק: „סטייטש נישט געטרויען! משיח לעבן קען האָבן דעם גאַנצן באַרג מיט סחורה אויף קרעדיט, ווי לאַנג איר ווילט נאָר אַליין, אויף דריי חדשים, דריי יאָר, צען יאָר, צוואַנציק, דרייסיק! סטייטש נישט געטרויען!״ ער איז געוואָרן אַזוי אויסגעמאַטערט פון זיינע אויפרעגנדע געשרייען אַז ער האָט זיך געמוזט אָוועקזעצן אָפּרוען אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

דאַן האָט ער מעדעטירט הויך אויפן קול: — און אפשר טאַקע נישט גע־טרויען? כ׳וויס האַנטיקע צייטן! היינט איז ער טאַקיש משיח, און מאָרגן איז ער אַ שמש אין בויבעריק! גיי רוף מיך קנאַקניסל. און ער רעדט צו משיח:

— מיין ווייב, מיין צרה־ביילע הייסט עס, איז נעבעך אַ חולה מסוכנת, זי דאַרף האָבן אַ טייערע אָפּעראַציע, דאַרף זי האָבן מיטן לעבן. נישט פאַר איך געדאַכט. דאַרף איך באמת היינט נויטיק ס'געלט, אויב ניט געלט איז אַ שטיינדל! אַ פּערעלע, וואָס ס'זאָל ניט זאָן אַבי עפּעס!

האָט משיח אויסגעשטעקט זיין רעכטער האַנט צום הימל, אַוועקגעבלאָזן דעם פּאַך און אויסגעפּליקט אַ פולע האַנט, מיט שטערן, און מיט דער לינקער האַנט אויסגעריסן פון יושר באַרג עטלעכע גאָלדענע בלימעלעך, אַריינגעזעצט אין יעדן בלימל אַ שטערן זאָגנדיק: נאַ, יאַנקעלע דאָ האָסטו דיר אַ קרוין פאַרן בשמים ביקסעלע, צופרידן?

יאַנקעלע באַטראַכט די קרוין מיט אַ ליופּע (אַ פאַרגרעסערגלאָז), איבער־געריכנט ס'געוויכט און די ווערט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, זיך אַנגעמאָסטן די קרוין אויפן קאָפּ זי אַראָפּגענומען אין געקנייטשט מיטן שטערן ווי עס וואָלט נאָך ביי אים געווען אַ ספק צו ער זאָל מאַכן ס'געשעפט. פלוצלונג האָט ער משיח'ן געגעבן די האַנט מזל און ברכה!

אין דעם האָט מען געהערט אַ געשריי פון אַ יידענע: יאַנקעלע וואו ביסטו אַהינגעקומען צו אַלע רוחות?

יאַנקעלע ווערט מטושטש, פּאַקט שנעל צוריק אין זיינע טאַשן אין ס'ציי־רונג ריידנדיק צו זיך:

געשעפטן ליגן היינט אין דער ערד! עס איז נישט ווי פאַר משיח'ס צייטן, דעמאָלט האָט מען טאַקיש געקאָנט מאַכן אַ לעבן. נאָר ווי זאָגט מיין ווייב: מ'טאָר נישט זינדיקן.

ער נעמט ווייטער אין האַנט אַריין די קרוין, קוקט אויף משיחן מיט חשד זאָגנדיק צו דעם עולם אַרום: עס זאָל נאָר זיין אמתע שטיינדלעך, וואָס די בעלי־מופתים קענען!... עס באַטראַכט זיי נאָכאַמאָל און זעט אַז זיי זיינען אָבער פאַרט אמתע, מאַכט ער „אַ גוטן טאָג משיח לעבן. און צום עולם וויזט ער מיט אַ פינגער צו זיין שליף און מיט אַ ווינק אין אויג, ווי איינער זאָגט עס פעלט אים אַ קלעפּקע אין קאָפּ".

ס'אייזעלע האָט געוואָלט יאַנקעלען באַליידיקן דערפאַר, אָבער משיח האָט אים קאָנטראָלירט:

— באַליידיק אים נישט! געדענק עס איז אַ מענטש! אַ קלייניקייט אַ מענטש!

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street, W.C.1





## אלדד און מידד זאגן נביאות אין לאגער

### 6

### מען נעמט ניט אָן זייערע רעזיגנאציעס

באַשליסן צו ווערן אַ פּאַרטיי־מאַן איז לייכט, אָבער פּרובט עס נור ווערן ווען... איר זענט אַ אלדד אָדער אַ מידד...

— איר האָט דען געפּרואווט?

— צו וועמען זענט איר געגאַנגען?

— מען האָט אייך אָפּגעזאָגט? עס קאָן ניט זיין...

— דערציילט, דערציילט ווי אַזוי ס'איז צוגעגאַנגען...

מיר האָבן זיך אַלע אַרומגעזעצט אַרום מידדן ביים פייער (אלדד איז נאָך ניט געקומען אויב ער וועט קומען) און שטאַרק אינטעריגירט, כמעט מיט אָפענע מיילער געגומען אויסהערן מידדס „באַריכט" ווי אַזוי זיי זענען זיך געגאַנגען אַנשליסן אין אַ פּאַרטיי.

און מידד האָט ווייטער גערעדט:

איך זאָג אייך ס'איז גאָרניט אזא גרינגע פּראָבלעמע פאַר אַ „נאַש בראַט" צו ווערן אַ פּאַרטיי מיטגליד. מיר האָבן דערווייל געפּרואווט נור יידישע פּאַרטייען, אָבער עס קאָן זיין אַז מיט די ניט יידישע פּאַרטייען וועלן מיר האָבן די זעלבע שוועריקייטן. ניט ווייל זיי ווילן אונז ניט האָבן, דאָס הייסט זיי זאָגן אדרבא, זיי ווילן אונז שטאַרק האָבן און ס'איז פאַר זיי אַ גרויסער כבוד און אַ גרויסער געווינס, נור זיי ווייסן ניט וואָס מיר קענען טון פאַר זיי, וואָס פאַר אַ אַרבעט זיי קענען אונז געבן. איך זע אַז איר גלויבט מיר ניט וואָס איך זאָג, וועל איך אייך געבן אַ פּאָר לעבעדיקע אילוסטראַציעס, אמתע בילדער, ווי מען זאָגט...

איר געדענקט דאָך ווי מיר, דאָס הייסט אלדד האָט נאָך אַ פּאָר כוסות רעזיגנירט פון רעזיגנאַציע און באַשלאָסן ווערן אַ פּאַרטיי מענטש... איר האָט אפשר באַמערקט אַז איך בין געווען אַביסל סקעפּטיש וועגן דעם גאַנצן ענין, און ווי איבעראַשט בין איך געווען ווען אויף מאָרגן טעלעפאָנירט מיר מידד אַז „מיר טרעפן זיך היינט" מיטן פירער אַליין... און איך בין פאַר־שטייט זיך מיטגעגאַנגען: איך קען זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן פון אַ פּיקאַנטער סצענע...

ער האָט אונז אויפגענומען ביז גאָר פריינדלעך, כאָטש ער איז דעמאָלט געווען שטאַרק צוטראָגן ממש ווי אויף הייסע קוילן געוואָרט אויף דעם אונ־געהויער פאַראַנטוואָרטלעכן אמט וואָס די געשיכטע האָט זיך אין יענע טעג געקליבן אויף אים אַרויפוואַרפן. אָבער אין אַלגעמיין האָט ער אונדז אויפ־גענומען גאָר פריינטלעך: ערשטנס איז ער אונז באַפאַלן מיט דער טענה אַז מיר ווייסן גאָרנישט וואָס פאַר אַ גליקלעכע מענטשן מיר זיינען... און ווען

ער האָט אונז באַזעצט אין צוויי ווייכע שטולן אין וועלכע מיר האָבן זיך ניט געקענט אַ ריר טון און פאַרשטאָפּט די מײַלער מיט סיגאַרעטלעך. האָט ער אונז ערשט גענומען דערציילן ווי מקנא ער איז אונז וואָס מיר גייען אַרום אויף גאָטס וועלטל אָן זאָרג און אָן פאַראַנטוואָרטלעכקייט... טוען וואָס מיר ווילן, לייענען וואָס מיר ווילן און קלערן וואָס מיר ווילן. אָט בענקט ער ממש צו לייענען אַ גוטן בוך, ניט רעדנדיק שוין פון אָוועקזעצן זיך בײַם שרײַב־טיש און אַ נעם טון זיך, כאָטש אַ קוק טון אויף דער גרעסערער אַרבעט וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט יאָרן צוריק... איך דאַרף אײַך דאָך ניט דערציילן אַז איך בין אין דער אמתן אַ אַקאַדעמיקער, אַ וויסנשאַפטסמאַן. אָבער וואָס קענען מיר טון, וואָס קען איך טון ווען די פּאַרטיי רופט. און ווען מיר לעבן אין אַזאַ צײַט... אָ, ווען איר ווייסט ווי ס'איז שווער, וואָס פאַר אַ גרויסע שוועריקייטן עס שטייען אונז נאָך אין וועג... וויפיל מאָל עס ווילט זיך אויסשרײַען „איך בין שוין מיד פון צו טראָגן אַזוי פיל פאַראַנטוואָרטלעכ־קייטן”.

— זענען מיר דערפאַר טאַקע געקומען צו אײַך... מיר ווילן אײַך העלפן אין דער אַרבעט. מיר זענען גאָרניט אַזוי גליקלעך אין אונזער פרײַ־הייט... מיר ווייסן אויך אין וואָס פאַר אַ גרויסע טעג מיר לעבן... — האָבן מיר פון אונזערע טיפע שטולן ווי פון ענגע שטייגן געפּראָוועוט אים איבער־שלאָגן...

— מײַנע טײַערע חברים, איר מיינט אַז איך קען ניט שאַצן אײַער מאָ־ראַלישע שטיצע... ווער נאָר איך קען אײַער ווערט... מיינט ניט אַז מיר, די אַזוי גערופענע פירער לייענען שוין גאָרניט... און ווען זאָלן מיר לייענען אויב ניט אַזעלכע פײַנע דענקער ווי אלדד און מידד... זאָגט מיר, וואו שרײַבט איר לעצטנס?.. איר קענט נאָך זיצן אַביסל, נאָך אַ פּאָר מינוט

— האָט ער באַרואיגט אלדדן, וועלכער האָט זיך געראַנגלט אַרויסצורײַסן זיך פון דער טיפער נידריקער שטול. ענדלעך איז עס אים געלונגען און ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין זײַן גאַנצער הייך...

— חבר דאָקטאָר, חבר פּראָפעסאָר... מיר זענען געקומען ווײַל מיר ווילן ווערן מיטגלידער פון דער פּאַרטיי...

דער פירער האָט זיך אָבער באַלד צולאַכט: „מיר האָבן אײַך שטענדיק געהאַלטן פאַר אונזערע מענטשן... וואָס הייסט, איר ווילט ערשט ווערן מיטגלידער... מײַנע ליבע חברים, איך האָב ניט ליב צו מאַכן קאָמפּלימענטן אין פּנים. אָבער איך מוז אײַך איצט זאָגן אַז מיר האַלטן שוין אײַך לאַנג פאַר אונזערע מענטשן... און מיר זענען שטאָלץ וואָס אַזעלכע צוויי פײַנע גײַס־טער זענען מיט אונז. איר זענט שוין לאַנג אין אונזער אמתן, ניט אָפיציעלן גאָלדענעם בוך... אמת מיר ווייסן אַז אויך אַנדערע פּאַרטייען האַלטן אײַך פאַר זייערע, ווען זיי לוינט זיך... דאָס איז אומפאַרמײַדלעך מיט אַזעלכע שרײַבער ווי אלדד און מידד. און איך האָב געמיינט אַז איר זענט געקומען דורכשמועסן זיך וועגן דעם זאַמלבוך וואָס איר האָט אַמאָל געפּלאַנעוועט...



זעט איר דאָס דאַרפט איר ניט אָפּלאָזן... אָבער אַזוי עפּעס אַ שיינע זאַך, ווי איר קענט...

— שוין באַלד אַ יאָר פינף און צוואַנציק פון זינט מיר האָבן אָנגעהויבן פּלאַנעווען דעם שיינעם זאַמלבוך... מען דאַרף אים, דעם פּלאַן פון אַ זאַמל־בוך, מאַכן אַ יובילעאום שוין... און מיר זענען געקומען רעדן וועגן פּשוטער אַרבייט פאַר דער פּאַרטיי, פאַרן פאָלק, פאַר דער מענטשהייט, — האָב איך אַרײַנגעוואָרפן מײַן וואָרט...

מיר זענען אַלע שוין געשטאַנען בײַ דער טיר מיט דעם פירערס בײדע הענט אויף אונזערע פּלייצעס, ווי אַ שטייגער ער וואָלט אונז אַי געבענטשט, אַי געהייסן גיין...

„פאַרוואָס זאָלט איר איצט ניט אַרויפגיין צו דר. בע.? פאַר וואָס זאָלט איר אים ניט העלפן מיט אונזער זשורנאַל? פאָלגט מיך, גייט אַרויף — ער האַלט פון אײַך זער... און איר קלינגט מיר ווען איר דאַרפט... ס'איז פאַר מיר שטענדיק אַ פאַרגעניגן מיט אײַך צו פאַרברענגען... שלום...

— שלום — האָבן מיר געענטפערט ווי אמתע פּאַרטיי לײַט און אַרויפ־געגאַנגען פונדעסטוועגן צום פירערס שני למלך דר. בע.

---

דר. בע. האָט אונז אויך זער פרײַנטלעך אויפגענומען: ער האָט אַפילו שיער, שיער אַ שמייכל געטון...

— זעצט זיך... וואָס מאַכט איר? שוין לאַנג זיך טאַקע ניט געזען... איר זענט מסתמא געווען ביי...

— וואָס מאַכט איר דר. בע?

(קיין ווייכע טיפע שטולן זענען שוין אין דעם אָפיס ניט געווען. אַפילו די בענקלעך זענען געווען פאַרלעגט מיט צייטונגען, פּאַפּירן, בולעטינס, ציר־קולאַרן א.ז.וו. און יונגע לײַט און מיידלעך זענען אַרײַן און אַרויס מיט „קאָפּיע”...)

— אַ דאַנק, מען אַרבעט, ווי איר זעט... איצט אַביסל צו ביזי... ערשט מיט אַ פּאָר טעג געקומען צו פליען פון דער שווייץ... אַ וויכטיקע קאָנפע־רענץ... און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך ווידער מוזן פליען...

— איר מוזט שוין זײַן געוואוינט צו פליען?

— יאָ, — האָט ער געענטפערט און ווידער קיין שמייכל ניט געגעבן,

— ס'איז אַ גאַנץ באַקוועמע זאַך פליען... — האָט ער טיפזיניק צוגעגעבן,

— מיר וואָלטן אײַך געוואָלט העלפן, — האָב איך זיך אָנגערופן, — ס'איז אַן ערנסטע צײַט, האָבן מיר געקלערט...

— איך האָב שוין אַליין געקלערט אַ פּאָר מאָל אײַך אײַנלאָדן מיטאַר־בייטן אין אונזער זשורנאַל... אָבער ס'איז ניט פאַר אײַך האָב איך מורא... פאַר אַזעלכע שרײַבער ווי איר... ס'איז צו אָרעם... אַ פּאַרטיי אָרגאַן...

— פּאַרטיי צייטונגען דאַרפן זײַן אָרעם? פאַר וואָס זשע גיט איר אַרויס אַ אָרעמע צייטונג...

— יאָ, האָב איך טאַקע געקלערט אַ פּאָר מאָל אײַך אײַנלאַדן און נאָך אַ פּאָר פון אונזערע גוטע יידישע און העברעאישע שרייבער... איז אָבער אַ פראַגע פון איבערזעצונג... און ווייטער האָב איך גאָרניט דעם מוט אַזעלכע שרייבער ווי איר אײַנצולאַדן, ווייל מיר צאָלן כמעט גאָרניט, ווייל דער בודזשעט פאַר מיטאַרבייטער איז אַזוי... מיר זענען אָרעם. —ער האָט דערביי אַראָפּגעלאָזט די אויגן...

די יונגע לייט מיט קאַפּיע האָבן אַרומגעשפּאַנט אינם אַפּיס הין און צוריק ווי אויף אַ סטאַנציע.

— אגב, איך האָב געהערט, אַז איר גייט באַנייען אייער פּלאַן וועגן דעם זאַמל־בוך... ס׳וואָלט געווען אַ גרויסער יושר... אַ זאַמל־בוך פאַר די בעסערע לעזער... און ניט אַזאַ זשורנאַל...

— איר האָט ניט געהערט, — האָט זיך אלדד אויפגעכאַפּט, — מיר גייען מאַכן אַ יובילײַ דעם פּלאַן פאַר אַ זאַמל־בוך... מיר האָפן אַז איר וועט אַנטייל נעמען אין די פייערונגען.

— מיט פאַרגעניגן, ווען איך וועל קומען צוריק צופליען... קומט אַריין, וועלן מיר נאָך שמועסן... איכל דאַן האָבן אַביסל מער צייט...

ער האָט ווידער אַמאָל שיער שיער אַ שמייכל געטון...

— נו, פּליט געזונטערהייט...

— אַ דאַנק, אויף ווידערזען.

---

נו, איר ווילט נאָך הערן פון אלדדס רעזיגנאַציע פון רעזיגנאַציע און פון זיין פּרואוו צו ווערן אַ פּאַרטיי מאַן... איך מיין אַז מיין קורצער באַריכט וועט אײַך באַפרידיקן. אלדד האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכן ווען מיר זענען אַרויס פון אַפּיס... טרערן זענען אים אויש געשטאַנען אין די אויגן.

---

## א. נ. שטענצל

## אין טריבסטע האַרבסט טעג

כ׳האָב געמיינט כ׳וועל שטאַרבן אין מיין אומעט,
האָב איך געזונגען פון טרויער מיין ליד,
האָט פרייד פון געזאַנג געלענגערט מיין לעבן,
שלעפּ איך מיך אַרומעט אומעטיק און מיד.

האָב איך מורא אין מיין שטיבל צו זיצן,
ס׳קוקט יעטווידעס ווינקל טרויער׳ריק און טריב:
וואָסער נפש מוז דאָס שוין זיין אַזעלכער,
וואָס צומאָל אומעט געוואָרן איז אים ליב?



און דער האַקן פון באַלקן אַראָפּעט,
קוקט קאַסאַקע מיט אויסגעקרימטן בליק,
ווי נאָר אין מיין טרערן־טריפנדיק שטיבל,
אַן אומעטיק מידער כ׳קום ווידער צוריק.

כ׳האָב געמיינט כ׳וועל שטאַרבן אין מיין אומעט,
האָב איך געזונגען פון אומעט אַ ליד,
ווי אַ פּעטלע פון האַקן אַראָפּ אַצינד,
געזאַנג אַזאַ אַרום מיין האַלדז זיך פאַרציט.

זינג איך צום טויט אַצינד מיינע לידער —
טייער ר׳וואָלט געוואָרן מיר אָן אַ שיעור!
און נישט מער אַליין איך בין אין מיין שטיבל,
ווייל דער טויט זיצט דאָך שוין אין האַרצן ביי מיר

כ׳האָב געמיינט כ׳וועל שטאַרבן אין מיין אומעט,
האָב איך געזונגען פון אומעט אַ ליד,
און איצטער אַז צומאָל צום טויט שוין איך זינג,
ווערט טריבסטער האַרבסט מיט פרייד מיינע צעבל׳ס.

זיץ איך אין שטיבל גאַנצענע נעכט,
און אין אויער שעפּטשעט ווער מיר אַריין:
די פרייד פונם טויט אויסזינגען צו קענען,
דאָס הייסט ערשט דאָס לעבן צו קענען פאַרשטיין...

## אין נעפּל...

רויט געלאַמעווטע שטעכיקע בליקן,
צווישן פייכטע ווייס קלעפּיק און נאַס,
טיקן זיך די לעמפּלעך טיף אינם נעפּל —
דער מלאך־המות מיט טויזנט אויגן,
ער יאָגט פינסטער מיך נאָך פון גאַס צו גאַס.

שוין שפּיר איך זיין אָטעם הייס איבער מיין לייב,
שוין נעמען אַרום מיך זיינע קאַלטע הענט,
און אַזוי־אַ נישט טויט און נישט לעבעדיק,
מיט אָפּגעהאַקטן אָטעם, פאַרחלשטן,
פאַל איך אַריין צווישן פיר מיינע ווענט.

זיצט ער דאָרט און לויערט אין יעדן ווינקל,
פון מיינע אויגן שוין קוקט ער אַרויס —
רויט־געלאַמעוועטע, שטעכיק־צעפּלאַמטע,
טוקנדיקע פלעמעלעך אין פייכטן נעפּל,
פון אַ מינדסטן בלאַז לעשן זיי זיך אויס.

און נישט נאָר אין מיין שטיבל — אין בעט צו מיר,
לייגט ער זיך אַריין שוין מיט מיר ביינאַנד —
אַ פאַרליבטע פרוי אין מיר איז מיר דער טויט.
אַ גאַנצע נאַכט צום הארצן מיך צו דריקן,
מיך אויסצודרייען מיט פנים צו וואַנט...

פון די תאוהדיק־ווילד צעסאַפּעטע נעכט,
גאַנצע טעג אַן אָטעם כ׳דריי מיך אַרום — —
מיט רויטן צעפלאַמטן פאַרנעפּלטן בליק,
צווישן פאַרבענקטע ווייעס קלעפּיק און פייכט,
קוקט וואַרטנדיקע זון לבנה׳ש שטום.

און ביינאַכט נידריקע לבנה אין ראַג,
אַזאַ אַנגעפּאַדערטע זעט זי אויס,
פון אונטער רויטע טיקנדיקע לעמפּלעך,
אין אַנגעווייכערטער צעפּאַרעטער שטוב,
ווען אַריינווינקן בייגט זי זיך אַרויס.

## א קראַנק פאַרמאַטערט פערד

(פאַר מיר — 1936.11.20 — 1948.11.20)

אַ קראַנק פאַרמאַטערט פערד
איינגעשפּאַנט אין שווערן יאָך,
און אַן אָפענע וווּנד,
אויבן איבערן רוקן נאָך.

וואָס שאַט אים אַז פליגן
נאָגן אַ קראַנקן בלוט־טראָפּ?
מיד זיינען די אויערן,
לעבלאָז הענגט דער עק אַראָפּ.

אַ קראַנק פאַרמאַטערט פערד
איינגעשפּאַנט אין שווערן יאָך,
די מינדסטע באַוועגונג
גיט אין הארץ אים טיף אַ טיאָך.

אויף יעדער קלייניקייט
צו ווערן באַלד בייז און גראָב,
סטייען כוחות נישט מער — —
אַ פערד און מוז האַלטן קאָפּ...

טאַקע אַ נאַריש שטיק:
וואָרים וואָס שאַדט עס אין תוך,
אויב אויסציען די פיס
פריער, צי שפּעטער אַ וואָך?

נאָר ווען פייגל קומען,
קלייבן קערנער פון זיין מיסט,
גיט זיין פוס אַ שאָקל,
גלייך ר׳וואָלט ליב זיי באַגריסט:

באַדינט איך קינדערלעך,
ווי לאַנג עס איז וואַרעם נאָך;
אַז איך וועל פּגרן,
וועט זיין צו אייך גרויס דער בראָך.

איר וועט , טשוויטשערדיקע,
זוכן, נישטערן — אומזיסט!
עס מוז שוין זיין אַ פערד,
זשאַרנעס ר׳זאָל לאָזן אין מיסט...



## קאַלענדעס 1948...

ס׳שאָקלען זיך גאַסן אין נעפּל־נאַסן,
אייל־באַשמירטע פּאַפּירענע לאַמטערן;
פּאַמעלעך ציענדיקער אָמניבוס,
ווי ער וואָלט פון וועמען געטראָגן ווערן.

און איך? גיי איך ערגעץ, קום איך פון ווו?
און צו בין איך ביים זינען נאָך — ביים לעבן?!
ס׳איז גאַנצענע וועלט אַ מעשה אַזאַ,
לבנה׳ש געשפּינען פון נעפּל געוועבן — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט פריש געבוירענעם קינד אין קריפּע,
אַרומגעגאַנגען זינגען אויף די שוועלן;
מיט רויט־לייכטנדיקן מזרח־שטערן,
די פאַרנעפּלטע גרויקייט אויפצוהעלן.

איז ווילד הינקנדיקער שוואַרצער „דיאַבעל“
און דער ווייסער „שמערטש“ מיט זיי מיטגעגאַנגען;
און אין די פאַרנעפּלטע נעכט אַריין,
ווי האָבן געשראָקן וויגע־גזאַנגען!

איין קליין מעשהלע האָבן זיי געהאַט,
פון אַ קינד צווישן שאָף אין שטאַל געבוירן;
מיר אָבער, זיינען קינדער געווען,
אין וויסטער וועלט צווישן חיות וואָס לויערן.

זיצן מיר אין ציענדיקע קריפּע —
ג׳חדר קוים באַלויכטענעם, פייכטן קאַלטן,
אַרום רבין, שעפּסלעך דערשראָקענע,
אונטער פּאַסטוכ׳ס קרומען רוקן באַהאַלטן?

אָדער פאַר פענסטער פון תיבה,
ווייס שוועבנדיקע וואַרקנדיקע טויבן,
פון פייכטן נעפּל אַרויסגעפלויגן,
געמאַלענע, ווי דאָס אייז אויף די שויבן?

איין קליין מעשהלע האָבן זיי געהאַט,
און מיר מיט טויזנט מעשות פול געוואָרן;
מאַמע רחל — — יצחק אויף עקדה — —
שמעון ולוי אין גרימיקן צאָרן — —

(קאַטוילישער מנהג, טראָגן קריפּע מיט געצונדענעם שטערן, דיאַבל (טייוול), שמערטש (טויט)

און אַ היים גייענדיק פונם חדר,
אברהמ׳ס מלאכים געטון אונז באַגלייטן;
נח׳ס תבה — די קריפּע געטראָגן,
יעדע נאַכט נייע מעשהלעך צו בייטן.

פונקט ווי אַ מענטש קאָן אַ מעשה׳לע זיין,
סמוטנע וויינענדיק מיט אויגן פול טרערן,
און אַ האַפּערדיקס אַ זוינס, אַ קאָמישס,
אַז מען זאָל צו לאַכן שוין נישט אויפהערן;

סדום — פעך און נעפל, לוט׳ס ווייב אַ שטיק זאַלץ,
און לוט מיט די טעכטער זיצן און זויפן — — —
און ווי פלעגט עס דעמלט טרויריק ווערן
ווען יוסף׳ן די ברידער טון פאַרקויפן —

די גאַנצע וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען,
אין בלוט פונם ציקעלע איינגעטונקען,
ווען נישט אַ שטערן פון וואָלקן אַרויס,
דעם „עוד יוסף בני חי״ צוגעוואונקען.

און ווען עשו האָט יעקב׳ן נאָכגעיאָגט,
זיינען מיר פון ווילדע שקצים אַנטלאָפן,
מיט אדם וחוה׳ן אברהם און שרה׳ן,
אין מערת המכפלה איין־צו־שלאָפן.

אַ, און פון די זיסע חלומות ערשט,
יענע צוועלף סנאָפּעס וואָס טוען זיך בוקן!
ווי פלעגן מיר אויפלאַכן פונם שלאָף
און אויף שר המשקה׳ס ווייַן זיך פאַרקוקן — — —

די רויטע לאַמטער אין אייל אויסגעשמירט,
אין בלוט איז די געוועזן איינגעטונקען!
און מיר, נישט פון בעטלעך — פון הימלען
געפאַלענע ריזן, אין תהום געזונקען:

דער „ואני״־געוויין אין מיטן שלאָף,
ווען טאַטע האָט גענומען „חצות״ אָפּרעכטן,
אַ, דער „קול ברמה נשמע״־געזאַנג,
ווען נבוזראדן׳ס טוען קינדער שעכטן — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

גייען זיי נאָך דאָרטן זינגענדיקע,
אויפצוהעלן די נעפלען מיט קאַלענדע?



מיר ציען מיט קרעמאַטאָריום־אויוון —
אַ קריפּע אַזאַ פון די מערב־לענדער.

נישט פון פריש געבוירן קינד צו זינגען —
פון מיליאָנען אין פלאַמען אָנגעצונדן!
דעם מערב־שטערן־לאַמטערן פאַראויס,
פון קינדער פנימלעך הויטן געשונדן — — —

טויזנט טיוולאָנים און טויטן טויזנט,
די אָנגעצונדענע קריפּע באַגלייטן,
אויפגעשראָקן זיינען די נעפלען,
פון מעשה׳לעך וואָס האַלטן אין איין בייטן.

ס׳וואַרפן זיך גאַסן, אין אַנגסטן אין נאַסן,
פאַר דעם פאַראויסציענדיקן לאַמטערן;
מיט וואָטן פאַרשטאָפּן זיי די אויערן,
ס׳שווידערדיקע מעשהלע נישט צו הערן:

דאָס לויטערע, דאָס אויסגעאיידלטע,
שפּילנדיקע נעפּעלעך אין באַגינען;
דורך זיידן־פאַרגאַמענטן געאיילטע,
געלויטערט יעדן בלוטס־טראָפּן מ׳זעט רינען,

נעפל־באַטויט געדרויטלט עפּעלעך,
וואָרעם אויסגעקוקשטע פון דופּטיקע זונען,
פון מאַמישע ליפּן, ציטערדיקע,
יענע בעקעלעך האָט זי אויסגעפונען,

ביי לעבעדיקן לייב אָפּצושינדן,
ווי פון געקוילעט שעפּעלע די פעלן — — —
אַ, נאָר פונם זינען אַראָפּצוגיין,
זיך בלויס פאַר די אויגן דאָס פאַרצושטעלן — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

גייען זיי נאָך דאָרטן זינגענדיקע,
מיט קאַלענדאַ־ליד נעפלען אויפצוהעלן?
ציילן נאָך פרימע פרויען־פינגער דאָרט,
פאַטשערזש־בלעקעצדיקע פאַטשערקע קרעלן?

אַ קליין מעשהלע האָבן זיי געהאַט —
איז עס געשטאָרבן, פאַרדאָרבן פאַרלוירן!
טויזנט מעשות און מעשהלעך נייע,
נעפלען אין אונז אַצינד, נ׳ווערן געבוירן.

ז. סעגאַלאָוויטש

## „אונטערגאַנג" פון יידיש...

(צוגעשיקטער מאַנוסקריפּט פון יידישן קולטור־קאָנגרעס — ניו־יאָרק)

### רעפלעקסן

עס וואָלט געווען שלעכט, ווען יידיש זאָל אויפהערן „אונטערצוגיין". דאָס וואָלט געוואָרן אַ טויט־קלאַפּ פאַר יידיש. שוין באַלד פופציק יאָר ווי מען פּויקט מיר אין קאָפּ אַריין: אונטערגאַנג און אומקום, אומקום און אונטערגאַנג. איך בין אַליין אַ גאַנץ לעבן אין דעם דאָזיקן אונטערגאַנג. פאַרגאַנגענע דורות און גלויבן אין מאָרגן, אַרבייט פאַר דעם יידיש מאָרגן, אַלץ לעבט און אָטעמט אין דעם „אונטערגאַנג". ניין! מיינע פריינט און קאָלעגן, לייענערס און פאַרשפּרייטער פון יידיש! דער אונטערגאַנג דאַרף ווייטער אונטערגיין, ווייל דאָס איז אַ וואונדער, ניט קיין אונטערגאַנג. דער אויסגעטראַכטער און אַליין אין זיך איינגערעדטער „אונטערגאַנג" האָט זיך דאָך אָנגעהויבן נאָך פריער איידער משה לייב האַלפּערן איז געקומען, נאָך איידער אַפּאַטאָשו, לייוויק, גלאַטשטיין, מנחם און לעיעלעס זענען געקומען...

מאַני לייב, י. י. שוואַרץ, דוד איגנאַטאָוו און אַזוי פיל אַנדערע מיט מוט און וואָרט. ווען דוד איינהאָרן און קולבאַק זענען געקומען, זענען נאָך אַלץ די יידישע בחורים אין ווילנע געלאָפן צו קירפּיטשניקאָווס גראַמאַטיק. ווען פּרץ האָט געשריבן זיין „גאָלדענע קייט", זענען יידישע מיידלעך און בחורים געלאָפן צו פּשיבישעווסקין. שלום־עליכם מיט זיין פאָלקס־שפּראַך און פאָלקס הומאָר האָט געריטן, ווי אַ נביא אויף דעם אונטערגאַנג פון יידיש. און איצט ביי גראַדען, סוצקעווערן, שטריגלערן און אַנדערע פון דער מאַלאַדעצקער גרופּע איז ווידער אונטערגאַנג... גיי ניט אונטער, טייערער אונטערגאַנג!

---

יידישע דיכטער טשעקאַנירן גאָלדענע רענדלעך, זיי וואַרפן די רענדלעך אין גאַס און די גאַס לויפט ערגעץ אַנדערש וואו. דריי פערטל לעבן זיינס גיט דער יידישער שרייבער אָפּ נאָכצויאָגן דעם לעזער, ער כאַפּט אים דאָך ניט אַלע מאָל, אָבער פיל מאָל יאָ. עס וועבט זיך ניט אויס, אפילו איצט, ווען בעסטיע האָט פון אונז דאָס בעסטע צוגענומען. יידישע ליטעראַטור האָט שוין געהאַט אַ גוואַלדיקע עדה מיט פיל זיכערע, געטרייע באַטאַליאָנען. מען האָט געלעבט, געאָטעמט און זיך דערצויגן אויף יידישע ליטעראַטור. פאָלק האָט אונז דעם נוסח געגעבן. יידישע וועבערס האָבן אָפּט געוועבט טליתים, יידישע דיכטער האָבן זיך געחברט מיט די וועבערס און ביז היינט.

מיר זענען פון דער ברייטער יידישער גאַס, כאָטש אָפּט, אַזוי אָפּט ווערן מיר פאַריאָגט אויף דעם לעצטן געסל און דאָרט, אין דער פּעריפעריע, געפינען מיר אונזערס. קיינער האָט ניט געלעבט אַזוי נאָענט מיט די אַלטע ישובים, ווי יידיש. קיינער באַווייזט זיי ניט אַזוי שטאַרק, ווי יידיש. מיר האָבן אין זייער ירושה די זיפצן פון ערב־טויט, מיר האָבן יזכור אין יידיש.



דעם „יידיש־אונטערגאַנג" האָט זיך פאַרוואָלט מאַכן אַן אסיפה, האָט ער געלאָזט וועגן דעם צו וויסן... האָבן זיך פריינט געזעצט אין עראָפּלאַנען, אויף שיפן. פון אַלע עקן וועלט איז מען געקומען. דאָס איז געווען אַ חתונה, אַ שווערע חתונה, ווייל דער חורבן אונזערער איז אין מיטן. דער שרעקלעכער יזכור האָט געשוועבט איבער אַלץ...

אָבער דאָך אַ חתונה, אַ חתונה, אַ פאַקט. וואָס וועט זיין דערפון? אין לעבן איז דאָך אַזוי, ווען אַ פאָר פאָלק האָט חתונה, ריכט מען זיך אויף אַ קינד. אָבער די חתונה מוז ביי אַלע אומשטענדן אַביסל גלאַנצן, אַזוי איז אויך געווען מיטן יידישן קולטור־קאָנגרעס. געבענטשט זאָלן זיין די, וואָס האָבן צוגעלעגט אַ האַנט דערצו און צונויפגערופן די געסט און אונז געוויזן די מחותנים, פיינע, ערלעכע, יידיש־יידישע מחותנים. „אונטערגאַנג" האָט זיך ניט וואָס צו שעמען מיט זיי און מען מעג מיט גלויבן עפּעס דערוואַרטן. דער קאָנגרעס וועט בלייבן אין זכרון און אויב אין זכרון איז עפּעס דאָ... וועלן מיר אַלע מיטהעלפן נאָך עפּעס צו דערמאָנען און נאָך עפּעס, ביז מיר וועלן דערגיין צום וואָרצל פון קיום, וואָס האָט שוין אַ ניין הונדערט יאָר... יידיש.

דיכטערס, פּובליציסטן, לערערס און דערציערס, זשורנאַליסטן, מוזיקערס, מאָלערס פון יידישן פּנים; מען האָט זיי אַלעמען געזען צוזאַמען, כלל טוערס, פירער פון אַרבעטער — ווער איז ניט געווען אויף דער חתונה? אַלע, וואָס האָבן אַביסל מוט און אַביסל פליכט, די זענען געקומען און באַשיינט די חתונה. איך גלויב, אַז קיינער וועט ניט האָבן קיין חרטה אויף דעם שידוך. אויף דעם דריטן סדר פון אַרבעטער־רינג מיטלשול פון לעצטן פּסח, האָב איך אָפּגעשטעלט אַ ייִנגל פון דער יידישער שול און געפרעגט:

— דו לייענסט, שרייבסט און רעדסט יידיש?

— יאָ...

— וועסט אַמאָל ניט האָבן קיין חרטה?

— איך האָב שוין ניט קיין חרטה.

אַזוי האָט ער געענטפערט.

---

ווער און וואָס האָט גורם געווען דערצו, אַ „אונטערגאַנג" זאָל מאַכן אַזאַ אימפּאָזאַנטן קאָנגרעס? קיין כישופמאַכערס האָבן מיר ניט, פון העלער הויט שפּרינגען אַזעלכע פלענער ניט אַרויס. עס האָט דאָך געמוזט זיין אַ נר־תמיד, וואָס דערמאָנט, אַ קול, וואָס רופט, אַ טראַדיציע, אַ יידיש־באַזע, אַ ירושה. דערצו האָט מען דאָך באַדאַרפט האָבן גענוג יידיש־פאַרמעגן און יידיש־אַכסניה, וואָס ניו יאָרק האָט געגעבן צו אַלע מחותנים אונזערע.

יידיש אַליין האָט דערצו גורם געווען. דער שטראָם פון אוועקגיין האָט אַזוי פיל אוועקגעטראָגן, אָבער ניט ווייניק איז פאַרבליבן. מיט צוויי דורות פריער האָבן דעם שטראָם געגעבן ווידערשטאַנד מאָריס ראָזענפעלד, ווינטשעווסקי, באָוושאָווער און לעסין און יהואש, שפּעטער משה לייב האַלפּערן ביז לייוויקן, ביז אַפּאַטאָשן. אַ סך טייערע נעמען פון פּאָעטן און פּראָזאַי־

קער, אַ שטאַרקע יידישע פּרעסע, טעאַטער אויף יידיש. אין אַזאַ צי אין אַן אַנדער פאָרעם. מען האָט זיך ניט געלאָזן אין גאַנצן אָפּווישן. מען האָט אַ סך געשאַפן. די אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור איז נאָך ניט דערשאַצט און אָפּגעשאַצט. דאָס זעלביקע מיט דער זשורנאַליסטיק און פּובליציסטיק. דאָס אַלץ האָט כּוח אין זיך און דער כּוח האָט עס זיך פאַרמאָסטן אויף אַ גרויסן צוזאָגערישן יום טוב... לאָמיר גלויבן, אַז מיר זענען ווערט דעם יום טוב.

פאַראַן סקעפּטיקער, צולהכעיסניקעס. פאַראַן בייזוויליקע, פאַראַן, אַלץ איז פאַראַן.. דאָך בעסער איז צו אַרבעטן, איידער זיך פאַרענטפערן פאַר דער וועלט — מען דאַרף אַליין זיין אַ וועלט.

---

## דר. יעקב י. מייטליס

# אַמעריקאַנער נאַטיצן

### א.

היסט עס, האָב איך ביי זיך געטראַכט, אַז דאָס איז אַמעריקע! דאָס איז די אַמעריקע מיט איר ריזידיקייט און דינאַמיק, מיט איר אומבאַגרעניצקייט און פּראָגרעס, מיט אירע מאָנומענטן און זיך תמיד בייטענדיקע לעבנס־פאָרמען! אָט דאָס זיינען זיי טאַקע די גבורה׳דיק־אַרויסשטאַרצנדיקע וואָלקן־קראַצערס (וואָס פון דערווייטנס מאַכן זיי דעם איינדרוק פון ריזיקע מצבות, — אפשר אַרויפגעשטעלט אויפן קבר פון דער אייראָפּעיש־אָקצידענטאַלער קולטור, וואָס האַלט ביים אונטערגיין, אָדער איז אפשר שוין אונטערגעגאַנגען!..) די וואָר־צייכנס פון דער מעכטיקער, שטאָלצער, זיך איבעראַנדערשטיקער אַמעריקע. ווי האָט מען זיי, די וואָלקן־קראַצערס, טאַקע אַרויפגעשטעלט פּראָוואָקאַטיוו, ווי די אַלטע מצרישע ספינקסן אויף די קברים פון די גרויסע הערשערס, מיט אַ פרעג־צייכן אויף זייערע שטערנס. ווילן זיי טאַקע אַלץ אָפּפרעגן, דאָס נעכטיקע און אייערנעכטיקער, אַלטע פאָרמען און פאַרגאַנגענע קולטורן, ווילן זיי ווייזן אַ נייעם וועג? ווער ווייס, זיינען זיי, בלי ספק, שטומע, מעכטיקע עדות פון דער אומרו, דער דינאַמיק און אפילו בענקעניש פון דעם „האָמאָ טעכניקוס״, אַן אויסדרוק פון דעם מאָדערנעם מענטשס דראַנג אַרויף, צו מרידה, זיך וועלן באַווייזן מיט זיינע אייגענע כּוחות פאַר דער וועלט פון נעכטן. עס איז אַ נייע, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע גאָטיק, וואָס גיסט זיך אויס אין אַ גי־גאַנטישער פאָרעמלאָזיקייט, וואָס אימפּאָנירט, אָבער וואָס דערדריקט און וואַרפט אָן אַ מורא. קען מען פאַרבייגיין פאַר דעם גלייכגילטיק?

אָט דאָס איז אַמעריקע, מיט איר גרויסן פאַרנעם און פאַרמעסט, מיט איר עלאָן און עשירותדיקער רחבות, וואָס קאָן זיך אַלץ דערלויבן, וואָס איז בעצם צו גאַרנישט געבונדן, וואָס איז פּשוט, נישט פאָרמעל, אָן קאָנווענציעס, זאָכלעך און אָפּט קינדיש־נאַאיוו. שטייט ער פאַר דיר, דער אַמעריקאַנער



מענטש, תמיד אַ פאַרהאָרעוועטער און אַ פאַרשמייעטער, ביז׳ן איבערן קאָפּ אַריינגעטאָן אין די מ״ט שערי ביזנעס (און וואָס איז נישט ביזנעס? מלאכות, אַרבעטער־און פּאָליטישע באַוועגונגען, גייסטיקע תענוגים, אפילו קולטור — אַלץ איז ביזנעס!), אָן אָפּרו, אָן צייט. איז ער שטענדיק אין אַ מין גייסטיקן כּף הקלע, תמיד אין אַ געלויף און געיעג, אין אַ געשריי אין געפּילדער, מיט אַ ריזיקן פאַרברויך, וואָס גרעניצט אָפט מיט פאַרשווענדונג און פאַרניכטונג. ווען מען אַרט עס, אַז מ׳קאָן פּראָדוצירן פון דאָסניי! זיינען דאָך די קוואַלן אומ־דערשעפּלעך. האָט דאָס לאַנד גרויסע מעגלעכקייטן, קאָן מען אַלץ מער באַ־שאַפן, קאָן מען זיך דעריבער דערלויבן אַ סך אַוועקצוואַרפן, קאַליע צו מאַכן אָן אַ חשבון. צומאָרגנס וועט דער אַמעריקאַנער געניוס האָבן שוין עפּעס נייעס, היינט, צו וואָס באַהאַלטן דאָס נעכטיקע?

איז טאַקע דער אַמעריקאַנער מענטש אַ פּשוטער, געשטעלט אויף זיך, אויף זיינע אייגענע כּוחות, מיט ווייניק קאָמפּליקאַציעס, מיט אַ סך עולם־הזה׳דיקייט און הנאה פון לעבן. ער איז עפּ״י רוב אַן אויפגעקומענער, כּמעט אָן יחוס־אבות, אָבער דערפאַר מיט אַ סך יחוס־עצמו. דער טיפּישער „סעלף מייד מען״: איז טאַקע פאַר אים אפשר דער איינציקער קריטעריום פון קוואַליטעט: דערפאָלג, געלד, מאַכט. שאַפט דערפאָלג, איז עס טאַקע וויכטיק, אָבער אָפט נישט אַן און פאַר זיך, נאָר ווי אַ מיטל, צו באַווייזן די קוואַליטעט פון מענטשן, זיין אויסדויער, אומדערמידלעכקייט און די גייסטיקע פעאיקייט פון קאָמבינירן. געלד העלפט אויך דעם אַמעריקאַנער (ווי אויך, נישט נאָר־אַמעריקאַנער) אין זיין יצר־הרע צו וועלן זיין אָנערקענט, צי האָבן געלטונג און מאַכט.

דער אַמעריקאַנער, וואָלט איך געזאָגט, איז דער טיפּוס פון אַ מאַסקו־לינער (זכר׳דיקער) קולטור (אפשר אין קעגנזאַץ צו דער אייראָפּעאישער, וואָס איז פעמינין־ווייבלעך, מיט אַלטע „השגות״ פון ריטערלעכקייט און ראָמאַנטיק), וואָס איר סימבאָל איז די מאַשין מיט איר מעכטיקן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן פּאָטענציאַל. דערפאַר אפשר איז דער אַמעריקאַנער בטבע עקספּלואַטאַטיוו און עקספּאַנסיוו, אינדיווידואַליסטיש אין זיין עקאָנאָמישער אָריענטאַציע (מיטן טראָפּ אויף דאָס פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער), מיט שיער נישט־געבראַכענע נאַטור־כּוחות. אָבער ווי אַן אויסגלייך, איז ער אויך אידעאַליסטיש (ביז נאַאיוו־קייט), מיט אַ גרויסער מאָס מענטשלעכקייט און מיט אַ שטאַרקן זין פאַר גע־רעכטיקייט. לעבט טאַקע נאָך אין אים אַ טיפער, עכטער און צייטגעוויז עמאָ־ציאָנעלער ליבעראַליזם, אַ בענקשאַפט נאָך פרייהייט אין די בעסטע טראַדי־ציעס פון אַ דזשעפערסאָן און אַ לינקאָלן (וואָס מאַכט אגב פאַרשטיין די גרויסע און אמת׳ע סימפּאַטיעס פון אַמעריקא פאַרן ציוניזם).

פעלן נאַטירלעך נישט קיין פּראָבלעמען (וואו פעלן זיי נישט?), הן סאָ־ציאַלע און עקאָנאָמישע, הן פּאָליטישע און קולטורעלע. אָבער מען דערשמעקט זיך נישט פאַר זיי. דערלאָזט מען אָפט מיט אַ יינגליש־שפּילערישן חוזק־מוט, אַז די פּראָבלעמען פון שווערן טאָג־טעגלעכן לעבן זאָלן ווערן האַרב. אַז די שוועריקייטן זאָלן וואַקסן, אָפט ביז צו אַ קריזיס. גלויבט מען אָבער צו שטאַרק

אין די אייגענע כוחות, אין דעם „אַלץ קאָנען“, אַז מ׳זאָל זיך ערנצט דערשרעקן פאַר שוועריקייטן. מיט גענויקייט און אַנטשלאָסנקייט נעמט מען זיך צו די שווערסטע פּראָבלעמען און מען דערליידיקט זיי, אפשר נישט אַזוי ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנעריש, דערפאַר אָבער זיכער און געלאַסן, אויפן וועג פון אַן אַנגלאָ־סאַקסישן קאָמפּראָמיס.

האָט אָבער דיזעלבע זעלבסט־זיכערקייט דעם חסרון, וואָס זי פירט אָפּט צו אַן איבערשאַצונג פון אייגענע כוחות, צו אַן איבערבאַטאָנונג פון זיין אייגענער ווערטיקייט, און וואָס קען חלילה אַמאָל, אין אַ צייט פון אַ גזירה, ווערן זייער געפערלעך. די איבערוואָרטיקונג פון די אייגענע נאַציאָנאַלע אָדער פאָלקישע קוואַליטעטן קען אַמאָל ווערן אויסגענוצט פון פיינטלעכע כוחות, וואָס קוקן תמיד אַרויס אויף גינציקע געלעגנהייט, און ווערן דער גורם פון אַ מיאוסן שאָוויניזם און אַ מסוכנ׳דיקער אונטערדריקונג פון אַלץ, וואָס קאָן ווערן געשטעמפּלט אַלס פרעמד, נישט אַמעריקאַניש.

* * * * *

פּראָבלעמען, אָפּט שווערע, גרינטיקע, פול מיט סתירות, און באַגרינדעטע אין זיין ספּעציפישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור, האָט דער יידישאַמעריקאַנישער יישוב. דאָס לעבן האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצופורעמען אַ נייעם, האָמאָגענעם טיפּ אַמעריקאַנער ייד. דערווייל איז דער יישוב נאָך אַ רעלאַטיוו יונגער, שטאַרק העטעראָגען, צוביסלעך פאָרמלאָז, וואָס האַלט זיך, ווי בכלל זיינע אַמעריקאַנישע שכנים, אין איבערקאָכן אין דעם גרויסן סאָציאַלן שמעלץ־טיגל. דערווייל קען מען נאָך ווייניק פאָראויסזען, וואָס ס׳וועט דערפון אַרויסקומען, ווי עס וועט אויסזען דער קלסתר פּנים פון אַמעריקאַנישע יידן אויף לעתיד לבא, ווי ער וועט זיך אַמאָל אויספורעמען. איז דאָך בכלל אויספורמונג פון אַ גרויסן, וואָגיקן קיבוץ מענטשן נישט קיין ענין פון אַ דור אָדער צוויי. דאָס איז גיכער אַ לאַנגער פּראָצעס פון אַנטוויקלונג און געשטאַלטונג, וואָס נעמט אַרום יאָרהונדערטן און שפּאַנט אַוועק איבער דורות.

ביי איינטיקן טאָג איז דער אַמעריקאַניש־יידישער קיבוץ אַן אַנזעעוודיקער, איינפלוסרייכער כוח, הגם נאָך נישט טיף־איינגעפונדעוועט אין דעם נייעם באָדן, ווייזט ער שוין אויף הויכווערטיקע און דינאַמיש־שטאַרקע קוואַליטעטן. איז עס טאַקע אַן אינטערעסאַנטע וועלט, די פון די אַמעריקאַנישע יידן. זי פלייצט מיט לעבן, איז אַקטיוו, צאַפּלדיק און פול מיט קאָלירן. עס איז אַ פולסירענדיקער יידישער אָרגאַניזם, וואָס שימערט אין אַ סך רעגנבויגן־פאַרבן. ער האָט ליכט און שאָטן, שיינקייט און מאוסקייט, כח און שוואַכקייט, קאָנסאָלידאַציע און דעסינטעגראַציע. דאָס לעבן איז נאָך נישט געזעצט, עס טומלט זיך נאָך צופיל, פון מיט גערויש און אַ הייסן צאַפּל, אָבער אין דערזעלביקער צייט אָנגעלאָדן מיט אַ סך נאַציאָנאַלע ענערגיע און שטאַרקער וויטאַליטעט.

פרעגט מען זיך, וווהין גייט אָט דאָס נישט־געזעצטע, פול מיט אימפּעט און דראַנג יידישע לעבן אין אַמעריקע, איז שווער צו געבן דערויף אַ באַפרידיגנדיקן ענטפער. קלאָר איז אָבער, אַז דער מיליאָניקער קיבוץ איז ביי היינטיקן



טאָג אפשר דער גרעסטער אַקטיוו־פּאָסטן אין אונדזער דלות׳דיקער פאָלקס־בילאַנץ אין די גלות־לענדער. מוז מען טאַקע האָפן, אַז דער דאָזיקער גרויסער קיבוץ וועט נישט בלייבן קיין גייסטיקער עקר און אַנטוויקלען אין אַ פולער מאָס זיינע שאָפערישע פּאָטענצן. ווילט זיך דערוואַרטן, אַז, ווי אַזוי אָפט אין דער יידישער געשיכטע וועט זיך אויך אויף דער אַמעריקאַנער באָדן ווידער אַמאָל עפענען די טראַכט פון יידישן געניוס און ווערן פרוכפּערדיק, אפשר אויף אַן אַנדערן אופן, אין אַנדערע פאָרמען, אָבער עכט, דורות־אַלט, אמת־דיק יידיש, פּונקט אַזוי ווי אַמאָל אין בבל, שפּאַניע און דערנאָך אין פּוילן. קאָן דאָס זיין אַ באַגינען פון אַ הויך־ווערטיקן המשך אויף דער נייער ערד.

* * * * *

אַז די יידישקייט אין פּוילן, ווי בכלל אין מזרח־אייראָפּע, מיט אַלע אירע וואָרצלען און זאַפטן איז געוואָרן פאַרשניטן, האָט זיך דער שווערפּונקט פון יידישן לעבן אין די גלות־לענדער ממילא אַריבערגעטראָגן קיין אַמעריקע. האָט מען זיך דאָרט אַרומגעקוקט און איינגעזען, אַז מיט בלויז צדקה, ווי אין די אַמאָליקע אידילישע יאָרן פון יידישע צרות, קען מען ביי היינטיקן טאָג נישט גובר זיין די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון יידישן לבן. צוזאַמען מיט פיזישן חורבן, שטייט פאַר אונדז היינט די פּראָבלעם פון יידישן קיום אין איר גאַנצער שאַרפקייט, די פּראָבלעם פון דערהאַלטן יידיש לעבן און זיין גייסטיקע אויפריכטונג. דאָס קען מען שוין נישט בלויז מיט עקאָנאָמישער הילף דערגרייכן. דערצו איז שוין נויטווענדיק אַ געוואַלטיקע אָנשטרענגונג פון דעם פאָלקסגאַנצן, פון אַלע פאָלקס־כוחות, וואָס מוזן זיך שטעלן אין דינסט פון דער פּרעזערוואַציע פון פאָלקס, פון דערהאַלטן זיינע פּאָטענצן און העלפן אין אַ גרויסער מאָס ווידער־אויפשטיין זיין גייסטיקע אייניקייט, אים געבן אַ ריכטונג און אַ ציל.

איז דאָס טאַקע געווען דער גרונד־אַקאָרד פון דעם ניו־יאָרקער קולטור־קאָנגרעס, פון אַלע רעדעס, באַריכטן און דעבאַטעס. מען איז זיך צונויפגעקומען פון די ארבע פינות העולם, צו מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש נאָך דעם גרויסן חורבן סיי פאַר זיך און סיי פאַר דער וועלט און מיט אַלע כוחות פּרובן איינצוהאַלטן די לאַווינע פון גייסטיקע פאַרניכטונג, וואָס האַלט זיך אין איין אויסגיסן איבער אונדזערע בידנע קעפּ.

איז טאַקע די גייסטיקע פאַרוויסטונג אין די יידישע געצעלטן פון אַמעריקע גרויס, הייזער ווערן אַלץ מער און מער אויסגעליידיקט פון זייער יידישן אינהאַלט, דאָס בוך האָט נישט קיין לייענער, בעת יידיש ווערט וואָס מער און מער אַרויסגעשטופּט פון דער גאַס און היים. איז טאַקע די פראַגע פון יידיש לשון, פון דערציונג, פון ליטעראַטור און קונסט געשטאַנען אין צענטער פון דער דיסקוסיע, ווי אַזוי דערהאַלט מען די שפּראַך אין איר שאַפערישער פּאָטענץ אין דער פרעמדער סביבה, ווי פאַרגרעסערט מען די צאָל קינדער אין די יידישע שולן? ווי קען די שולע ביי היינטיקן טאָג צוציען דעם יינגן בחור, וואָס, זייענדיק ווייט פון דער אַמאָליקער העראָאישער תקופה, זאָל היינט,

באַוואוסטזיניק און זאַכלעך אויסקלייבן לערערײַ אין יידיש פאַר זיין פראָפעסיע?

האָט דער קאָנגרעס אויף זיך גענומען די נאָבעלע אויפגאַבע, נישט נאָר צו דערהאַלטן די אַלטע קולטור־אוצרות און זיי צו אַנטוויקלען, נאָר בפירוש צו אָרגאַניזירן דעם נישט־געבראָכענעם, עקשנות׳דיקן יידישן קולטור־ווילן צו ווייטערדיקע שאַפערישע מעשים. מוז מען זיך טאַקע מיט אַלע כוחות אַנטקעגנשטעלן דער שעדלעכער גלייכגילטיקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין אונדזערע רייען, קעגן דער וואַקסנדיקער סכנה פון עם־הארצות און אַסימילאַציע. אָבער דער קאַמף קען נאָר ווערן אָנגעפירט מיט דערפאָלג פון גאַנצן פאָלק, אין אַלע זיינע שאַטירונגען און גרופירונגען. האָט טאַקע לייוויק מיט דער שטים פון אַ מוכיח געפאָדערט, אַז איצט מוזן מיר אַלע מאַכן אַן אויסערגעוויינלעכע ווילן־אָנשטרענגונג צו ראַטעווען דאָס גאַנצע פאָלק, נישט דערלאָזן צו קיין ריסן און חלוקי־דעות, וואָס עסן זיך אַריין אין אָרגאַניזם און שאַפן אַ פירוד און אַן אָפגעפרעמדקייט. מיר מוזן האָט לייוויק געמאָנט, דערפירן צו אַ סינטעז פון די אַלטע און נייע ווערטן. עס מוז קומען צו אַ זיווג פון קולטור און פאָלק, וואָס זאָל זיך אויסדריקן אין אַ גרויסער, שאַפערישער אַליידישער קולטור.

* * * * *

דער קאָנגרעס האָט געזוכט המשך און אייניקייט. וועגן ביידע פראַגן ווילט זיך מאַכן אַ פאַר קריטישע באַמערקונגען.

קודם כל המשך. מיינט מען דאָך דעם המשך פון מזרח־אייראָפעאישער יידישקייט אין אַלע אירע מאַניפעסטאַציעס און פאָרמען. פרעגט זיך אָבער, איז מעגלעך אַ המשך אָן דעם נויטיקן באָדן? איז מעגלעך אַריבערצופלאַנצן די סביבה פון אַ זאַמאָשטש אָדער וואַרשע קיין פילאַדעלפיע אָדער ניו־יאָרק? קען מען בכלל סביבה מעכאַניש אַריבערפלאַנצן?

יאָרן לאַנג האָט מען געבושעוועט, געשטורמעט, איינגעריסן די אַלטע פעסטונג פון יידישקייט, אָפגעחוזקט פון איר, זי צעביטן אויף קליינגעלד, און היינט, פלוצים, וויל מען פאַרטזעצן. פרעגט זיך טאַקע, פאַרטזעצן, ווו, פון וואַנען אָנהייבן?

וואָס האָט דאָס די מאָדערנע יידישע וועלטלעכקייט, די פראָגרעסיווע קולטור געשאַפן אַזעלכעס, וואָס האָט אַ בלייבנדיקן ווערט? וואָס פאַר אַ טעמפלען פאַר דעם גאָט פון פראָגרעס און קונסט האָט זי געבויט, טעמפלען פון אַזאַ באַשאַף ווי למשל דער אַלטער בית המדרש אָדער די ישיבה? פון וואַנען קען מען, הייסט עס, ממשיך זיין? פון חלל, אָדער פון דער אָרימער ביסל וואָכעדיקייט?

גלויבט מען, אַז מען קען אַן אָפגעפרעמדט קינד אין דער סביבה פון אַ ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס אָדער לאָנדאָן פאַרלעבעדיקן די וועלט פון אַ מענדעלי׳ן, פון שלום־עליכם אָדער אפילו פון פרצ׳ן? מיר, מאָדערנע, האָבן זיך אַמאָל פון דער וועלט אַרויסגעריסן, די אַלטע נישט געפרובט אָפצוהיטן און



אַ נייע נישט געווען ביכולת צו בויען. קען מען אָנהאַלטן מאָדערנע יידישקייט מיט יידיש לשון בלויז דערמיט, וואָס מ׳לייענט מענדעלי׳ן אָדער פרצ׳ן, בעת זייער וועלט איז שוין אַוועק אויף אייביק?

נאַטירלעך איז וויכטיק פאַר דער אַרבעט פון אויפלעבן די יידישע קולטור, אַז ס׳זאָל הערשן אייניקייט, אַז דאָס פאָלק אַלץ גאַנצקייט זאָל כורת ברית זיין, ווי לייוויק האָט זיך אויסגעדריקט, כדי מזווג צו זיין די קולטור מיטן פאָלק, כדי צו שאַפן די אחדות פון ישראל ואורייתא. פרעגט זיך, האָט דער קאָנגרעס רעפרעזענטירט דאָס פאָלק אין זיין ברייטקייט און פילפאַרביקייט? זיינען נישט זייער וויכטיקע און וואָגיקע קבוצים, הן אין אַמעריקע און הן פון אַנדערשוו, געבליבן פון דרויסן? דאָס רעליגיעזע יידנטום האָט מען דאָך אודאי געדאַרפט צוציען.

האָט זיך אָפט געשאַפן דער איינדרוק, אַז ביי דער אונטערזוכונג זיינען אַלע געווען פאַרהאַנען, טאַקע באַרימטע פראָפעסאָרן און רופאים, די דיאַגנאָזע איז געווען אַ ריכטיקע, נאָר דער סאַמע חולה האָט אפשר געפעלט, אָדער האָבן מיר אַלס חולה גאָר צו באַטראַכטן דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום, וואָס איז אויף אַן אמת קראַנק און דאַרף האָבן אַ רפואה שלימה? אויב יאָ שוין אַזוי, פאַרוואָס האָט מען נישט קודם גערופן אַן אַמעריקאַנישן קולטור־קאָנגרעס, איידער מ׳האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ וועלט קאָנגרעס? אפשר צוליב דעם טאַקע זיינען אַ סך פראַגן נישט באַהאַנדלט געוואָרן אין דער ריכטיקער פראָפאָרציע, איבער אַ סך ענינים אַריבערגעהיפערט און אָפט גערעדט מער בדרך כלל ווי אין נויטיקער דעטאַלן.

האָט ליידער די מאַסע אַלס אַזעלכע געפעלט, נישט חלילה מחמת שנאה צו יידיש און צו איר קולטור, נאָר פשוט צוליב גלייכגילטיקייט און פאַסיוויטעט. וואָס האָט דער יידישער עולם בכל תפוצות ישראל געוווסט פון דעם קאָנגרעס און זיינע פראָבלעמען? דערפאַר טאַקע איז דאָס בעיקר געווען אַ קאָנגרעס פון פראָדוצענטן, פון שרייבער, אינטעלעקטואַלן און קולטור־טוער. די מאַסע, דער קאָנסומענט, דער טאָג־טעגלעכער ייד מיט זיינע קיום־פראָבלעמען האָט אפילו נישט אַריינגעשמעקט.

אַלץ אַ מאַניפעסטאַציע פון עקשנות׳דיקן, אומגעבויגענעם יידישן קולטור־ווילן, איז דער קאָנגרעס געווען וויכטיק. ער איז אַ קולטור־דערגרייכונג פון ערשטן ראַנג. אַ סך וועט זיין אָפהענגיק דערפון, ווי אַזוי די נייע אַלוועלטלעכע קולטור אָרגאַניזאַציע, דער אָרגאַן געשאַפן פון קאָנגרעס, וועט צוטרעטן צו דער אַרבעט און אויספירן די באַשלוסן פון דער ניו־יאָרקער גרויסער קולטור־אסיפה. „כל המתחיל במצוה, אומרים לו גמור״. — זאָלן די הענט, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו בויען דעם וויכטיקן קולטור־בנין אָנגיין מיט דער אַרבעט און זי אָדורכפירן בשלימות.

אויפן וועג פון ניו־יאָרק, אָנהייב נאָוועמבער, 1948.

(סוף פאָלגט)

ש. ערנסט (תל אביב)

# על נהרות בבל

ס׳זיצן איצט ווידער יידן און שמאכטן ביי די טייכן פון בבל.

ביי די טייכן פון בבל, וואו אונדזער פאָלק איז פאַרוואָגעלט געוואָרן אין גלות נאָכ׳ן חורבן פון בית המקדש, לעבט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַ רעשטל פון יידישן פאָלק, און די דאָזיקע שארית הפליטה אונזערע געפינט זיך ווירקלעך איצט אין אַן אמת׳ן גלות ביי די אַראַבישע מושלים.

## וואו אונזערע תנאים און אמורים האָבן אַמאָל געשאַפן די „גמרא״

דאָס היינטיקע איראַק, מעסאָפּאָטאַמיע איז נאָענט יעדן ייד. אָט דאָס לאַנד איז אייגנטלעך דאָס אַמאָליקע בבל וואָס איז געווען פאַר אַ לאַנגער צייט אַ גייסטיקער צענטער פון יידישן פאָלק. דאָרט האָבן די תנאים געשאַפן דעם תלמוד־בבלי, דאָרט האָבן די אמורים געשריבן די גמרא. היסטאָרישע דענקמעלער זענען פאַרבליבן וואָס דערציילן מיט זיך די וואונדערלעכע געשיכטעס פון אַ עזרא הסופר, פון יחזקאל הנביא, די מערהייט היסטאָרישע ערטער געפינען זיך גאָרנישט אין יידישע הענט — נאָר ביי די מוסלעמער, אָדער קריסטן. „נינוה״ וואָס איז פאַרבונדן מיט יונה הנביא געפינט זיך אין דער געגענד פון דער איראַקישער שטאָט מאסול, דאָרט וואו עס געפינען זיך די נאַפט־קוועלן און פון וואַנען עס ציען זיך די רערן צום מיטלענדישן ים. און די אָרטיקע אַראַבער פאַרהייליקן אויך די היסטאָרישע קברים — און האַלטן עס פאַר זייער אייגנטום. יונה הנביא רופן זיי „נבי יונס״.

אין וועלכער שטאָט איר וועט נישט קומען אין איראַק וועט איר זיך אָנטרעפן מיט דענקמעלער פון יידישע נביאים. די שטאָט ברכוך איז באַרימט מיט די קברים פון דניאן הנביא, פון חנניה און עזריה, און די איראַקער יידן קומען אַהין מתפלל זיין אין די יום־טובים און שבתים. און די אַראַבער פאַרגעטערן אויך די הייליקע ערטער, ווי די נביאים וואָלטן געווען אינגאַנצן זייערע.

ביי די טייכן פון גלות בבל האָבן די פאַרוואָגלטע יידן אַמאָל אויסגעבענקט זייער טרוים אומצוקערן זיך קיין ארץ ישראל, צו זייער אַמאָליקער פּראַכט, צום בית־המקדש. אַז מען קומט אָן אין דער געגענד פון „חולה״ געפינט מען היינט די איבערבלייבעכץ פון דעם „בבל־טורעם״. אויף די ווענט זענען פאַרבליבן אַנטיקע אויפשריפטן, וואָס דערמאָנען יענע היסטאָרישע תקופה פון תלמוד, פון די תנאים, פון „ר׳ פפא״ און „אביי ורבא״.

---

## די קורדיסטאַנער יידן אין „אור כשדים״. — זיי ריידן אין תרגום לשון

אין דער אַלט היסטאָרישער שטאָט „אור כשדים״ געבורטס־שטאָט פון אברהם אבינו איז אַ צענטער פון די קורדיסטאַנער יידן. ברייט־פּלייציקע יידן מיט בערד און פאות, וואָס מיט זייער טראַכט און פרומקייט, מיט זייער טיף־



יידישן שטאָלץ און אַלטערטימלעכע מנהגים דערמאָנען זיי ווירקלעך אין די אוראייניקלעך פון אברהם אבינו. די דאָזיקע וואונדערבאַרע יידן טיילן זיך אויס פון די איבעריקע יידן אין מעסאָפּאָטאַמיע סיי מיט זייער תרגום־אונקלוס לשון, די אַראַמעאישע שפּראַך פון תלמוד. זיי קליידן זיך אָריענטאַליש, און ווילן נישט אויף זיך אָרויפציען די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע, ווי אַ שטייגער די באַגדאַדער יידן. זיי האָבן אָבער אַ שטאַרקע שטרעבונג צו ארץ ישראל, צו דעם לאַנד וואו זייער אור־זיידע אברהם אבינו האָט אויסגעוואָנדערט.

---

## דער היינטצייטיקער גלות בבל

ס׳חזר׳ט זיך איצט איבער דער „גלות בבל״ ביי די אַראַבישע מושלים. קודם כל איז אַרויס אַ געזעץ געגן ציון און ארץ ישראל.

אַז מען כאַפּט אַ יידן פאַרדעכטיקט אין ציוניזם ווערט ער באַשטראָפט אויפן האַרבסטן אופן, ווי דאָס איז לעצנסט פּובליצירט געוואָרן אין דער פּרעסע מיט דעם טויט־אורטייל אויף אַ רייכן יידן, וואָס מ׳האָט פריער פון אים אָוועקגערויבט זיין פאַרמעגן — און דערנאָך זיין נשמה. אַזעלכע פאַלן חזר׳ן זיך איבער טאָג טעגלעך מיט דער גרעסטער אכזריות, ווי עס צייכנען זיך אויס די אַראַבישע מושלים מיט זייער ווילדן פאַנאַטיזם.

אין באַגדאַד, די הויפּטשטאָט פון איראַק, וואוינען אַ סך רייכע יידן. איידער די יידיש אַראַבישע קריג האָט זיך אָנגעהויבן אין ארץ ישראל איז נאָך די לאַגע פון די אָרטיקע יידן געווען דערטרעגלעך, אָבער איצט ווען איראַק האָט צוגעלעגט אַ האַנט צו די אינטריגעס פון די פּאַלעסטינער אַראַבישע מנהיגים איז דאָס לעבן פון די איראַקער יידן ממש אין אַ טויט־סכנה. די רייכע יידישע סוחרים וואָס וואוינען אין שיינע פּאַלאַצן ביי די ברעגעס פון חדקל ווערן טעראָריזירט און פאַרטריבן אין קאָנצענטראַציע לאַגערן, וואָס שטייגן אַריבער דעם אַמאָליקן „גלות בבל״.

די היינטיקע יידישע באַפעלקערונג אין מעסאָפּאָטאַמיע איז ביי אַ 120 טויזנט. 70 טויזנט יידן וואוינען אין באַגדאַד, די איבעריקע זענען צושפּרייט איבער פאַרשידענע שטעט פון ארם־נהרים, אָדער מעסאָפּאָטאַמיע — וואָס דאָס מיינט אין גריכיש: צווישן צוויי טייכן — נהרים: נהר פרת און נהר חדקל. דאָס לאַנד איז פאַרטיילט אין צוויי טיילן. דאָס אונטערשטער מעסאָפּאָטאַמיע איז רייך און פרוכטבאַר און זי איז איינגעשלאָסן צווישן צוויי טייכן פרת און חדקל. לויט אַן אַראַבישע לעגענדע איז דער פרוכטבאַרער געגנט דער „גן־עדן״ און דער „עץ־הדעת״, וואָס חוה האָט פון דעם טועם געווען. די אָרטיקע מוסלמענער מיט זייער פּרימיטיווער פעאָדאַלער צוריקגעשטאַנענקייט האַלטן נישט פון ציוויליזאַציע, ס׳איז זיי נאָענט די קולטור פון אדם און חוה און דער פּרעהיסטאָרישער נאַטור. ווען די ענגלענדער זענען אַריין אין ערשטן וועל קריג אין אַ טייל פון איראַק האָבן זיי אַריינגעבראַכט אייראָפּעאישע קולטור און ציוויליזאַציע און גלייכצייטיק פּאָליטישע אינטריי־

געס מיט כלעריליי האַנדלס טראַנזאַקציעס, ווי דער עיקר די עקספּלואַטאַציע פון די נאַפט־קוואַלן וואָס מאָסול געביט פאַרמאָגט אין זיך.

איינע פון די אַנטוויקלסטע שטעט וואָס האָט אַ דאַנק די ענגלענדער זיך אַנטוויקלט איז — באַצרא. די יידישע סוחרים וואָס צייכנען זיך אויס מיט קאָמערציעלן שוואונג און פעאיקייט האָבן מיטגעוואַקסן מיטן אייראָפּעאישן שניט וואָס באַצרא האָט זיך אויסגעצייכנט. די יידן האָבן אַריינגעברענגט לעבן און קולטור, גרויסע וואַרן־הייזער, האָטעלן, בענק, פאַרבינדונגען מיט פירמעס פון אַלע לענדער. און יידן פון באַצרא האָבן זיך דערוואָרבן מער פּריווילעגיעס ביי דער מאַכט ווי די יידן אין אַנדערע שטעט אין איראַק.

ווי איז היינט די לאַגע פון די באַצרער יידן? עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן דעם גורל פון די אָרטיקע יידן. דער ברוטאַלער רעזשים איבערדעם יידנטום אין מעסאָפּאָטאַמיע, האָט אויך נישט אויסגעמיטן די באַצרער יידן.

איידער נאָך עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין ארץ ישראל צווישן די יידן און אַראַבער — האָט מען שוין געקענט באַמערקן דעם שטאַרקן אַנטי־יידישן גייסט וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די נאַציאָנאַל־געשטימטע שאָוויניסטישע טיילן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. די רעגירונג האָט אָנגעהויבן אָפּזאָגן די יידישע באַאַמטע פון זייערע שטעלעס. יידן האָבן גראַד געהאַט פאַרנומען וויכטיקע אַמטן ביי דער רעגירונג, ווייל זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע פעאיקייטן און באַגאַבונג. אָבער די עקשנותדיקע פּראָפּאַגאַנדע פון דער אויפגעהעצטער נאַציאָנאַליסטישע יוגנט — און אַ דאַנק דער מיטווירקונג פון די אַראַבישע שכנותדיקע לענדער — האָט מען לחלוטין באַזייטיקט יעדן יידישן באַאַמטן פון זיין רעגירונגס־שטעלע.

דער גלות פאַר די יידן אין מעסאָפּאָטאַמיע חזר׳ט זיך איבער אַלע מאָל אין פאַרשידענע וואַריאַציעס. „על נהרות בבל", ביי די טייכן פון בבל זיצט ווידער דאָס פאַרשמאַכטע יידישע פאָלק און וואַרט אויפן אויסלייזער. ער זאָל פון זייערע פיס אַראָפּנעמען די קייטן פון פאַרשקלאַפונג.

זייערע אויגן זענען געווענדעט אין דער ווייטקייט צו די יידישע העלדן — זייערע ברידער — אין ארץ ישראל, וואָס וועלן אָט באַלד אויך זיי באַפרייען!


## „דאָס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראַם"
## די נייע פּאָעמע פון די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב

צו באַקומען ביי:

MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1

— פּרייַז 5/6 —

ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי.




דוב וואַרשאַווסקי

# יידן מאַכן שלום מיט דייטשלאַנד...?

מיט אַ צייט צוריק האָב איך געוואָגט אַרויסצוברענגען מיין סקעפּטיציזם בנוגע דער צוועקמעסיקייט פון „יער־יזכור"־פּלאַן; צו פאַראייביקן אין אַ וואַלד דעם זכרון פון די זעקס מיליאָן יידישע קרבנות פון דייטשישער רציחה.

אויף דעם האָב איך באַקומען צוגעשיקט אַ בריוו (27 יוני, 1947) פון סעקרעטאַר פון יער־יזכור־קאָמיטעט, וועלכער „צעשמעטערט" מיינע טענות. קודם כל, פאַרזיכערט מיר דער בריוו־שרייבער, אַז מען וועט נישט איינאָרדענען קיין „מצוה־טענץ" (געווען אויך אַזעלכע פאַלן...) מ׳וועט נאָר אָרגאַניזירן „מיטינגען" (באַנקעטן, בלע"ז), וואו מען וועט עסן כשר׳ע שפּייז — דאָס הייסט „כשר׳ע פלייש"... במילא פאַלט אַוועק מיין טענה פון חילול הקדושים.

דאַן לייגט ער מיר פאָר אַ ליסטע פון פּערזאָנען, ווער עס איז אַלץ פאַרטראָטן אין יער־יזכור־קאָמיטעט: ציוניסטישע עסקנים, דיפּלאָמאַטן און סתם „גדולים", ווי דער אייביקער „טשערמאַן" פון די פּוילישע יידן, און נאָך און נאָך. — אַלץ די באַוואוסטע גבאים פון צדקה, אַז וואו נאָר זיי דערהערן אַ קרעכץ פון אַ ייד, אַ לעבעדיקן צי אַ טויטן, אַזוי איילן זיי, ווי די פייער־לעשער, מיט זייערע „קישקעס"—פאַרדאַן—„פּישקעס" און מען פּאָמפּעט... בפרט נאָך אַרויפצושטעלן אַ שטיין אויף אַ טויטן ייד, איז דאָך זיכער אַ מצוה... און ועל כולם קומען די גרויסע לייט, ווי לאָרד סעמועל, און ראַבינער ד"ר לעאָ בעק.

דער מחבר פון בריוו לייגט מיר אַריין אַ פּאָרציע מוסר: סטייטש, זאָגט ער, ווי האָב איך זיך דערלויבט צו באַצווייפלען די אויפריכטיקע כוונות פון די יער־יזכור גבאים! עס איז דאָך נישט געווען סיר הערבערט סעמועל, וואָס האָט נישט אַריינגעלאָזט די יידן קיין ארץ־ישראל! עס זיינען געווען, זאָגט ער, די רביים, וועלכע האָבן נישט אַרויסגעלאָזט די יידן פון פּוילן... [דעריבער וויל לאָרד סעמועל, אויב נישט לעבעדיקערהייט, זאָל זיין כאָטש טויטערהייט... ברענגען די יידן קיין ארץ־ישראל—ו.]

און אַז דער „יער־יזכור" איז דער פּאַסיקסטער דענקמאָל פאַר די „6 מיליאָן" — פירט אויס דער בריוו־שרייבער — איז דער באַווייז, וואָס דער גרויסער געלערנטער, ראַבי ד"ר לעאָ בעק, האָט זיך געלאָזט אויסוויילן אַלס פּרעזידענט פון יער יזכור־קאָמיטעט. דער סך הכל איז, איך האָב באַליידיקט, מיט מיין אַרויסטריט, די קדושים....

[איינגנטלעך, הייסט עס אַ „דענקמאָל" פאַר די רייכע געבער און פאַר די גבאים נעמער, אָבער נישט פאַר די אומגעקומענע...]

נו, איך האָב אָפּגעווישט די ליפּן און געשוויגן. אַ ברירה האָב איך געהאַט! מיר לעבן דאָך עפּעס אין אַן עפּאָכע פון „הוילע" פּאַטריאָטן און חכמים, וועלכע טייטשן דעם „אל תפרוש מן הצבור": ווען מען הייסט דיר טאַנצן — טאַנץ ווי אַ פּאַיאַץ! און ווען מען הייסט דיר וויינען — וואָיע ווי אַ הונט! אָבער

וויסן האָב איך געוואוסט. „עס וועט זיין טאָג אויך קומען"...

אַנטקעגן וואָס דערציי ל איך עס אייך? — אַנטקעגן דעם. לעצטנס איז צו מיר אין האַנט אַריינגעפאַלן דער אָרגאַן פון דעם „צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע", די „יידישע צייטונג" (8 אָקט. 48), וואו איך לייען אַט־וואָס:

„דער פּרעזידענט פון ראַט פון די דייטשע יידן, ד״ר לעאָ בעק, האָט דערקלערט אויף אַ באַנקעט פון דער האַמבורגער קהילה, אויף וועלכן ס'זיינען געווען אַנוועזנד פאַרשטייער פון דער בריטישער מיליטער רעגירונג און אויסלענדישע זשורנאַליסטן: איך האָב מוחל געווען די דייטשן, ווייל די גרויזאַמע טאַטן זיינען באַגאַנגען ניט דייטשן, נאָר נאַציס. אין זיינע ווייטערדיקע אויספירונגען האָט ד״ר בעק דערקלערט, אַז אין די נאַצי־ציי טן האָט יעדער ייד געהאַט זיין קריסטלעכן פריינד, און אַז ער, ראַבי בעק, האָט נאָך דער באַפרייאונג געהאַט נאָר איין וואונטש, צו באַדאַנקען די פריינד. ווי מיר זעען, האָט זיך אין ענגלאַנד געפונען נאָך אַ גאַלאַנץ, מיט דעם אונטערשייד וואָס ער האָט דעם טיטל ראַבי. איצט פרעגט זיך נאָר, וויפל משומדים קען מען נאָך געפינען אין לאָנדאָן?"

פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס דער רעדאַקטאָר פון דער „יידישער צייטונג" בייזערט זיך אזוי? ער איז דאָך גערעכט דער ראַבי בעק. אודאי, עס זיינען נישט געווען די דייטשן וואָס האָבן באַגאַנגען די אַכזריות'ן. עס זיינען געווען די נאַציס, די נאַציס וואָס פירן אָן מיטן היינטיקן דייטשלאַנד... און אַז יעדער ייד האָט געהאַט אַ דייטשישן פריינט, קען מען דאָך טאַקע זען פון דער „צאָל" יידן וואָס די דייטשן האָבן געראַטעוועט... אָבער דעם ראַבי בעק האָבן דווקא די נאַציס געראַטעוועט. די נאַציס האָבן בעק'ן ספּעציעל איבערגעלאָזט און נישט געשיקט אים אין קאַלך־אויוון, כדי ער זאָל, ווי פּרעה אַמאָל, (להבדיל דעם פאַרגלייך) דערציילן פאַר דער וועלט די וואונדער און ווי גוט און נאָבל די דייטשן זיינען... און דער קנעכט טוט דעם וואונטש פון זיין האַר...!

נאָר באַזונדערס האָב איך אַן עולה אויף דער „יידישער צייטונג", ווי דערלויבן זיך דאָרט די רעדאַקטאָרן, זיי זיינען דאָך געוויס ציוניסטן, אָנצורופן דעם פּרעזידענט פון „יער־יזכור" — משומד..?! עס הייסט דאָך געשפּיגן אין אייגענעם ברונעם... און ווי פּאַסט עס אָנצורופן וויקטאָר גאַלאַנצן — משומד..? דאָס הייסט דאָך פּשוט באַליידיקט די גאַנצע פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי מיט די פירער בראש... ווייל אויב מען וועט גוט אַ זוך טון ביי גאַלאַנצן אין קעשענע, וועט מען ביי אים געפינען אַ לעגעטימאַציע פון פּועלי־ציון...

* * * * *

פאַר מיר איז דער סקאַנדאַל־בעק בלויז אַן אוניקום אין דעם יידישן טראַגיזם. און אין דעם פּרט גיי איך זיך פונאַנדער מיט די אַלע חברים וואָס באַקעמפן דעם ראַבינער בעק און גאַלאַנצן. איך האַלט, אַז זייער הנהה איז נישט קיין ריכטיקע. ראַבינער בעק (עט קאָמפּ.) שפּילט דאָ די ראָלע, וואָלט איך



בעזאַגט, מער נישט ווי אַלס לופט־באַלאָן אין די הענט פון געניטע אינספּיראַטאָרן. עפּעס קומט דאָ פאַר הינטער די קוליסן פון דער יידישער פּאָליטישער אַרענע, עפּעס גרייט מען צו פאַר אונז יידן. אַלע סימנים ווייזן אויף דעם, אַז אונזערע אָפיציעלע דיפּלאָמאַטן פּראָבירן דעם באָדן, אַזוי צו זאָגן, צו זען ווי וועט זיך דאָס יידישע פאָלק אָפּרופן אין פאַל ווען די יידישע פירערשאַפט וועט מאַכן אַ שלום מיט דייטשלאַנד....

אַט, למשל, לייען איך אין „דזשואיש קראָניקל" (אָקטאָבער 1948), אַז עס פּאַרט אַרויס (מסתמא שוין אַרויסגעפאָרן) אַ דעלעגאַציע פון דייטשלאַנד קיין ארץ־ישראל אָנצוקניפּן האַנדלס־באַציאונגען צווישן ביידע לענדער. — וואָס זאָל עס באַדייטן..?

ווידער פאַרשטיי איך נישט נאָכוואָס האָט די יידישע רעגירונג פון ארץ־ישראל אַריינגעשיקט אָפיציעלע קאָנסולן אין עסטרייך און אין דייטשלאַנד? האָט מען נישט געקענט ערליידיקן די ענינים פון עמיגראַציע (און וואָס נאָך פאַר אַנדערע ענינים זיינען דאָ?) דורך די אָרטיקע נישט אָפיציעלע ציוניסטישע אינסטאַנצן?

און ווי זאָלן מיר פאַרשטיין די ווערטער פון דעם ארץ־ישראל קאָנסול אין עסטרייך, מר קורט לעווין, אַז די יידן וועלן נישט פאַרגעסן די מאָסן־מאָרדן, ביז זיי וועלן נישט האָבן אַ זעלבסטשטענדיקע לאַנד. (ייט״א 15 נאָוו. 1948)? —געני אַזאַ מין אויסדרוק האָב איך אַליין געהערט פון בעריל לאָקער... וואָס הייסט, און אַז מיר וועלן יאָ האָבן דאָס לאַנד וועלן מיר פאַרגעסן און פאַרגעבן...?

פאַרוואָס דערלויבן די יידישע אויטאָריטעטן, אַז יידישע יונגעלייט זאָלן קיין ארץ־ישראל אַריינפירן דייטשע שיקסעס...? — אַ ייד יעצט פון די קעמפּס דאָ אין לאָנדאָן, האָט מיר דערציילט, אַז פון זייער לאַגער אַליין זיינען אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל 20 פּאָרלעך. דאָס הייסט 20 דייטשישע שיקסעס..!

פאַרוואָס באַקעמפן נישט, די אָפיציעלע ציוניסטישע פירערשאַפט די רחמנות־קאַמפּיינען פאַר די דייטשע רוצחים פון גאַלאַנץ־בעק...?! — הלמאי, זיינען, כמעט, אַלע ציוניסטישע פירער אַרויס מיט אַ שטורם קעגן דער טראָיקע גאַלאַנץ־בענטוויטש־בעק, — ווען די לעצטע האָבן, אין אויגוסט, פּראָקלאַמירט אַ הילפס־קאַמפּיין צו העלפן די היימלאָזע אַראַבער? אָבער בנוגע דער מחילה־קאַמפּיין פאַר די דייטשן פון גאַלאַנץ־בעק, האָבן מיר נאָך פון די לעגיטימע ציוניסטישע דיפּלאָמאַטן נישט געהערט קיין שום פּראָטעסט: אומגעקערט, גאַלאַנץ איז נאָך אַלץ דאָס „בן־יחיד'ל" ביי דער אָפיציעלער מפא״י; און דעם ראַבינער בעק, זינגט דער ציוניסטישער אָפיציאָז, „זייניסט רעוויו" (17 סעפּ. 48), אַ לויב־געזאַנג, באַשיינט מיט דער „פּיקטשור" פון דעם געלערטן, לכבוד זיין באַזוך אין דעם „הייליק־לאַנד"! — האָט בעק געפרעגט די יידן אין תל־אביב צי זיי ווילן פאַרגעבן די דייטשן...?

דאָס זיינען אַלץ קשיות וואָס פאָדערן אַ באַלדיקן ענטפער! און אפשר האָבן אַמאָל נישט די דערמאָנטע רעטענישן אַ שייכות מיט די קלאַנגען וואָס

קורסירן אַרום, אַז פֿאַרן פרייז צו האָבן אייגענע מיניסטאָרן און אַמבאַסאַדאָרן, וועט די יידישע רעגירונג מוזן מוחל זיין דעם דייטשן פאָלק זיינע רציחות...?

איבעריגנס, האָט מיר אַ מפא״י־שער רעדאַקטאָר פון אַ „נאַציאָנאַלער פאַלקס״־צייט׳ונג, געזאָגט: „שרייבט ניט אַ ח ר ם אויף דייטשלאַנד, ווייל מיר וועלן נאָך דאַרפן שליסן אַן אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד״... און אין דער זעלבער מיינונג זיינען היינט פיל פון די אָפיציעלע מדינה־יידן.

אויב דאָס זאָל עס זיין, די כונה, מיט וועלכער אונזערע מדינה־פירער טראָגן זיך אַרום — טאָ זאָל די פראַגע שוין יעצט געשטעלט ווערן אויפן שאַרף פון מעסער...!

* * * * *

אָדער, מיר וועלן פאַרמולירן אונזער אַרגומענט אויף אַן אַנדער אופן, אין קורצע ווערטער:

שוין פון דעם 1־טן דעצעמבער איז דער דייטשער עקספּאָרט אַרויס פון אונטער דער קאָנטראָל פון די פאַראייניקטע און די דייטשן וועלן יעצט פאַרפלייצן דעם וועלט־מאַרק מיט זייערע סחורות. מעגלעך אויך, אַז אין קורצן וועט געשאַפן ווערן אַ זעלבסטשטענדיקע דייטשישע רעגירונג. — וואָס וועט יעצט, אָדער דאַן, זיין די שטעלונג פון דער יידישער רעגירונג אין ארץ־ישראל? וועט זי עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל פאַרן דייטשן עקספּאָרט? און וועלן די יידישע קאָנסולן, יעצט אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, צוריקגעצויגן ווערן פון דייטשלאַנד? אָדער זיי וועלן זיך באַזעצן אין אַ יידישער אַמבאַסאַדע אין דעם פיערטן־רייך...?

מיר האָבן אַ רעכט צו שטעלן די פראַגן, ווי אויך צו באַקומען אַן ענטפער! ווייל די פראַגע פון מוחל זיין די דייטשן, און בכלל דער ענין פון די קדושים, איז נישט קיין עסק פון דיפּלאָמאַטיע פון מדינה יידן, און נישט פון דער גאַלענציאַדע! עס איז אונזער בלוט, אונזערע משפחות, עס איז נוגע אַלע גואלי־הדם אין דער וועלט!

עס שרעקט מיר זער. איך האָב מורא פאַר דעם פסיכאָז, אין וועלכן די יידישע מדינה איז איינגעוויקלט, אַז צוליב „אהבת־ישראל״ און „אהבת ארץ־ישראל״ מעג מען אַלץ טון... מען מעג אפילו פּראָפּאַגאַנדירן אין „רעליגעזן״ „שערי־ציון״ (דער זעלבער וואָס רעדט פון „אהבת ישראל״), און אין אַלע פועלי ציוניסטישע אויסגאַבעס — מעג מען אַגיטירן צו קויפן די ביכער פון גאַלאַנצן, דעם „משומד״... ווייל דער „אהבת הממון״ איז שטאַרקער פון „אהבת ישראל״... דער „דיסציפּלינירטער ציבור״ פון „כולו זכאי״ שרעקט מיר... אַ ציבור פון „כולו זכאי״ אין אַ וועלט פון שקר, פון דיפּלאָמאַטיע און פּאָליטיק, איז אַ שקר! און במילא „כולו־חייב״...

איך האָב שטאַרק מורא, — ווייל עס זיינען אין ארץ ישראל פאַראַן אַ סך יידן, ספּעציעל די דייטשע יידלעך, וועלכע וואַרטן שוין אַרויס דעם מאָמענט אָנצוקניפּן באַציאונגען מיט דייטשלאַנד. עס איז דאָך אַ מצוה אויך. מען דאַרף דאָך שטאַרקן די אינדוסטרי פון ארץ ישראל...



איך האָב זער מורא פאַר דער גרויסער צאָל דייטשישע פרויליינ׳ס און זייערע „שארית־הפליטה״־מענער אין ארץ ישראל, וועלכע וועלן געוויס זען, אַז זייער דייטשישע פאָטערלאַנד זאָל פּראָספּערירן. (אגב, הער איך, אַז איינע פון די שארית־הפליטה־דייטשקעס, איז דערקענט געוואָרן אין תל־אביב אַלס אַ געוועזענע הויט־שינדערין אין די קאָנצענטראַציע לאַגערס... איז עס אמת.?)

איך שרעק זיך אפילו פאַר אונזערע „חרדים״ און „יראים״, די נייע „גרי־אריות״־ציוניסטן! פאַרוואָס פּראָטעסטירן זיי נישט? פאַרוואָס שווייגן זיי? מעג מען מוחל זיין די דייטשן? איך האָב מורא פאַר זיי, ווייל אויב זיי קענען געפינען אַ היתר צו שיסן און טויטן יידן... וועלן זיי אויך געפינען אַ היתר צו קויפן דייטשע סחורה... גיסט אַ ריר אַן ג־ט׳ס שבת אַזוי שפּרינגען זיי אויף: „איר שפּילט זיך מיט פייער״! — און מיט יידישע לעבנס, מיט יידיש בלוט מעג מען זיך שפּילן...?! און דרוקן אַנאָנסן (אין דער „חרידים״־צייטונג), צו פּרעגלען אַ „חזיר׳ל״ אין פּוטער (ממש אין בילד, מיט די פיסלעך אַרויף...), מעג מען...?! — איך מיין נישט, חלילה, אַנצורירן דעם שבת; איך באַווייז נאָר, אַז אויך ביי „חרדים״ טרייסלען זיך די קני פון תאוה צו געלד און מאַכט...

איך האָב שטאַרק מורא, — ווייל אויב מ׳מעג חתונה האָבן מיט דייטשקעס; אויב ציוניסטישע סאָציאַליסטן מעגן זיצן מיט דייטשן אין סאָציאַליסטישן וועלט־פאַרבאַנד; אויב יידישע שרייבער מעגן זיך רייבן מיט דייטשן אין „פּען־קלוב״־פאַרבאַנד, — טאָ אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָרן האַנדלען מיט דייטשן? און טאַקע פאַרוואָס נישט ווילן זיך אויף דייטשע, דיפּלאָמאַטישע באַנקעטן..? — איך שרעק זיך, ווייל מיר האָבן שוין געהאַט אַ ביטערע לעקציע מיטן טראַנספער אָפּמאַך!

און סחורות האָבן די דייטשן גענוג. זיי זיינען עקספּערטן אין זייער פאַך. זיי וועלן אונז צושטעלן פאַרשיידענע שמעקנדיקע זייפן; כשר׳ן זייף... זייף געמאַכטן פון אייערע, פון אונזערע ברידער און שוועסטער... אַ יע, די דייטשן מוזן האָבן גענוג אַזעלכע זייפן אין „סטאָק״...

עס וועט אייך צושטעלן סחורה, די „גוטע און אונשולדיקע״ עלזאַ קאָך... עלזאַ קאָך ווערט שוין באַפרייט. זי גייט העלפן איר פאָטערלאַנד דייטשלאַנד, זאָגט זי. עלזאַ קאָך האָט גילדערנע הענט. זי איז אַ קינסטלערין אין איר פאַך. עלזאַ קאָך וועט אייך ליפערן שירמעס צו לאָמפּן, רוקן־באַנדס צו ספרים, פאַרשיידענע טעשלעך וועט עלזאַ קאָך אייך פאַרקויפן... זי האָט עס געמאַכט פון הויט, הויט פון אייערע, פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס, פון אייערע קינדער... עס איז גוט „סטאָף״... עלזאַ קאָך האָט געקליבן גוטע „סחורה״, גוטע, שיינע, פרישע הויט, הויט פון לעבעדיקע קינדער... עלזאַ קאָך איז פריי... זי וועט אַרבעטן פאַרן דייטשן עקספּאָרט... טעשלעך פון הויט... הויט פון קינדער...

עס וועט שיקן סחורה, שולץ. אייער „גוטער״ שולץ... איר קענט דאָך אים, גאַלאַנץ האָט אויסגע׳פועל׳ט, מ׳זאָל באַפרייען די „גוטע״ דייטשע פריזאָנערס... מ׳האָט שולץ׳ן באַפרייט און אַרבעט געגעבן... און שולץ האָט „פריי״ געפּויקט אויף מאָזלי׳ס „באַראַבאַן״... צעפּויקט זיין יידן־שנאה איבער גאַנץ ענגלאַנד...

ער איז היינט אין דייטשלאַנד, שולץ אַרבעט פאַרן דייטשישן עקספּאָרט...

די דייטשן זיינען מייסטערס. זיי פעלט נישט קיין סחורות. גאָלדערנע ציינער, דימענטן, מלבושים, רינגלעך, לייכטער... זיי האָבן אַסך סחורה.. פון אייערע פאַרברענטע און פאַרגאַזטע, אייערע עלטערן, אייערע קינדער... זיי וועלן אייך צושטעלן שיכעלעך פון יידישע קינדערלעך... פאַרברענט אויף קויל.. קויפט דייטשע סחורה, עס איז ביליק און גוט... איר וועט פאַרדינען... אָבער, למען השם, פאַרגעסט נישט צו מאַכן אַ „יזכור׳ל״ די מיליאָנען יידישע טויטע קינדערלעך... געטויטעט דורך שולץ׳ן און עלזאַ׳ן... מיליאָנען אַזעלכע שולץ׳ס און עלזאַ׳ס זיינען עס געווען... זיי זיינען געווען זער פאַראַרבעט... און פון זייערע הענט האָט שטענדיק גערונען בלוט... בלוט פון יידישע קינדער... אייערע יידישע קינדער... יעצט אַרבעטן אַלע דייטשע בלוטיקע הענט פאַרן דייטשישן עקספּאָרט...

* * * * *

אויב אַזעלכעס, חלילה, זאָל געשען! — טאָ וואָס פאַר אַ ווערט וועט דאַן האָבן אונזער קאַמף מיט די גאַלאַנצעס און בעקס? און וועט דער „יער־יזכור״, נישט זיין דאַן, אַ „מקום־מקלט״ פאַר דייטשע פּרויליינס „אַרומצוטרייבן״ זיך דאָרט...?! און דער וואַרשעווער געטאָ־דענקמאָל — נישט אַ נאַרישע צאַצקע?! און דער „טרויער־טאָג״ פון קולטור־קאָנגרעס — נישט אַ חוזק און אַ חטא?! און אַלע „יזכור־תפילות״ וועלן זיין אַ חילול־השם...!!!

טאָ וואָס דאַרף אַ ייד טאָן? אַ ייד, מאַן צי פרוי, וואָס פילט דאָס פליסן אין זיינע, צי אירע, אָדערן, דאָס בלוט פון טאַטע־מאַמע, פון ברידער און שוועסטער, פון מאַן אָדער פרוי, פון קינדער, וועלכע זיינען צעשטויבט און צע־אַש׳ט געוואָרן,—וואָס דאַרף אַזאַ ייד טאָן?—אַזאַ ייד, מאַן צי פרוי, דאַרף ביים קויפן אַ שטיקל סחורה, פון יעדן לאַנד, גוט אויספאָרשן צי קומט עס נישט אַמאָל (קען זיין דורך אומוועגן...) פון דייטשלאַנד?!

„לא תאכלו על הדם״, — עסט נישט אייער אייגן בלוט...!!!

---

## קאַראָל פּענדאָווסקי

# דאָס אַרויסציען זיך פון געטאָ

(המשך)

אויף אַ רגע ספק איך דאָ אויסצושטייגן. מיר פאָרן דאָך אַזוי רואיג. איך זע אָבער ווי יענע שטייגן אויס, שפּרינג איך אויך אַרויס. זע איך נאָך ווי יענע אומבאַקאַנטע פרוי נעמט די באַבע אונטער דער האַנט. ווי אַלע גיין אַריבער אויף דער צווייטער זייט מעיד־גאַס און קירעווען זיך אין דער קאַפּוצענער גאַס אַריין. דאָס איז דאָס געריכט קוואַרטאַל און איך קאָן דאָ אַלעס אויסגעצייכנט. איך קאָן אַלע דורכגאַנגען, אַלע הויפן און פאַרבינדונגען. איך וויל זיין דער ערשטער אויף דעם אָפּגעשמועסטן פונקט. גיי איך דורכן הויף פון הויפּט געריכט, גיי אַריבער דעם היפּאָטעק פּלאַץ און קום אַרויס אין דער קאַפּוצינער גאַס אַריין. עס איז קיינער נישט דאָ. די דאָזיגע קאַפּוצינער



גאַס איז מיט דעם אויפּפאַלענד, וואָס, כאָטש זי איז נישט גרויס, אונטערברעכט זי זיך, און מען קאָן נישט זען פון איין עק ביז דעם צווייטן. איך וואַרט צוויי, דריי מינוט. איך זע נישט קיינעם. איך גיי אַלזאָ אַנטקעגן. און פּלוצלונג באַלד ביים ערשטן גאַס איינבראָך טרעף איך די באָבע, זי גייט צו צו מיר און זאָגט: — מען האָט דעם ה׳ שפּער צוגענומען! זי האָט אירע קליינע בלויע אויגן אין גאַנצן אויפגעעפנט פאַר וואונדער און שרעק.

— וואָס הייסט צוגענומען? — פרעג איך אויך פאַרוואונדערט. — צוגענומען! ווער?

— עפּעס יונגע לייט — האָט זי געענטפערט.

— יונגע לייט?

שמועסנדיק און גייענדיק גלאַסן פאַרויס קומען מיר צו דעם צווייטן אָרט גאַס־איינבראָך. און אָט זע איך אַזאַ סצענע: אין מיטן גאַס, אויפן דורכשלעפן צוויי קליינע גאַסן: אינגלעך, אפשר פופצן יאָריגע: אַ קליינע וואַליזע, איינגעבויגן, אַנשפּאַרנדיק זיך אויף צוריק לויפט ה׳ שפּער נאָך, האַלטנדיק דאָס הענטל פון דער וואַליזע. זיי שלעפּן אַלע מאָל ווייטער און דער ה׳ שפּער לויפט זיי נאָך. ענדליך האָבן זיי די וואַליזע אַרויסגעריסן און אַנטלאָפן אויף מעיד גאַס. ווייטער ערגעץ אין טויער שטייט פרוי שפּער מיט יענער יונגער יידישער פריילין און שמועסן צווישן זיך. נעבן זיי דריי יונגע לייט רייסן זיך צווישן זיך מיט געלד. איינער אַביסל אַן עלטערער, אפשר איינגע צוואַנציג יעריגער, אָרענטלעך געקליידעטער יונגער מאַן, שטייט דערביי און אָבסערווירט דעם ה׳ שפּער וועלכער גייט צו צו די פרויען. אַ פּאָר מינוט שפּעטער קומען צוריק יענע צוויי, וואָס האָבן אַרויסגעריסן דאָס געלד. אַלע רינגלען אַרום די פאַמיליע שפּער און עס גייט אַן אינטערעסאַנטער שמועס. איך שטיי אויף דער צווייטער זייט גאַס און קלער וואָס צו טאָן. אָבער וואָס אייגנטליך קאָן איך טאָן?

צום גליק איז אין דער נאָענט נישט דאָ קיין דייטשן אָדער וועלכע פאָליציאַנטן, עס דרייען זיך מענטשן, אָבער קיינער גיט זיך נישט אָפּ קיין שום דין וחשבון וואָס דאָ קומט פאָר.

איך שטיי אַלזאָ אויף דער צווייטער זייט גאַס און קוק. און נעבן מיר שטייט די באָבע און הערט נישט אויף צו פרעגן אַלע מאָל: — וואָס וועט פון דעם אַלעם זיין?

פון וואַנען זאָל איך וויסן וואָס דאָ וועט זיין. קיין גוטס קאָן מען זיך נישט ערוואַרטן. אָבער אפשר וועלן זיי זיך אָפּטשעפּן. דאָס קריגן זיך ווערט אויף יענער זייט גאַס אַלע מאָל שטאַרקער. לסוף נעמט ה׳ שפּער אַרויס עפּעס געלד און די גאַסן יונגן ווי אויך דער עלטערער יונגערמאַן לויפן אַדורך דער קאַפּוצינער גאַס, שרייען, פאַכן מיט דעם געלד און קריגן זיך.

מיט שנעלע טריט גיי איך צו צו דער פאַמיליע שפּער און זאָג: קומטס, נאָר שנעל. אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט. די פרויען זענען יעצט געקומען צום באַשלוס דאָס מען דאַרף אונז נישט שטעלן אין געפאַר און

דארפן ליבער צוריקגיין אין געטאָ אַריין. איך טו מיר אָן אַ כח איבערצורייסן די גאַנצע דיסקוסיע און צו צווינגען די גאַנצע משפחה זיי זאָלן מיך פאָלגן און גיין נאָך מיר. און עס געלינגט מיר. מיר גיין ביזן עק גאַס. אונטער מיר הער איך טריט, שנעלע, פעסטע, דרייסטע טריט. דאָס איז דער עלטערער יונגער מאַן וואָס איז געווען מיט יענע יינגלעך. ער יאָגט אונז נאָך. מיר בלייבן שטיין, די לאַגע פאַרפּלאָנטערט זיך. ער בלייבט אויך שטיין. ער וואַרפט אויף מיר אַ אונצוטרוילעכן בליק. איך קוק אויף אים שטרענג און ער פאַרלירט זיך אַביסל. ער שטייט אויף דער צווייטער זייט גאַס און גייט נישט נענטער. ער איז איינער אַליין און פיל אויפטון קען ער נישט. די באַבע גייט ווידער צו און פרעגט וואָס וועט זיין. איך הייס דעם באַבען זי זאָל אַהיים גיין, זאָל אָבער אכטונג געבן עס זאָל איר קיינער נישט נאָכשפּיאַנירן וואוהין זי גייט. מיר שטיין אַזוי איניגע מינוטן, מיר אויף איין זייט און דער יונגער מאַן אויף דער צווייטער זייט גאַס. ענדליך קערט ער זיך אום און גייט אין דער ריכטונג צו דער מעיד גאַס. געווים וויל ער אַהער ברענגען זיינע העלפערס. דעמאָלט ווייז איך זיי, די שפּערס, דעם טויער דורך וועלכן זיי דארפן אדורכגיין. איך זאָג זיי: — איר וועט אַרויסקומען אויף דער דניאלס גאַס און דערנאָך אויף דעם טעאַטער פּלאַץ און דאָרט זאָלט איר איינשטייגן אין אַ טראַמוויי אָדער אין אַ דראָשקע און פאָרן נאָך זשאָליבאַריש. איך וועל דאָ זען דעם דאָזיגן דזשענטעלמאַן צו פאַרהאַלטן.

זיי זענען אַוועק. איך בין געבליבן אַליין. אויף דער גאַס זע איך בלויז די באָבע, וועלכע איז ניט אַהיים געגאַנגען, נאָר זי וואַרט און קוקט. אין דער מינוט הער איך ווידער יענע שנעלע, האַרטע טריט, די זעלבע. ער גייט אַליין. בעסער יעדנפאַלס. איך שטיי אין מיטן דער גאַס און קוק אויף אים. ער איז צוגעלאָפן און האָט זיך אַרומגעקוקט. קיינער איז נישטאָ. אין פלוצלינג ווענדט ער זיך אין דער רציחה צו מיר: — וואוהין זענען זיי געגאַנגען?

— פרעגט ער.

און מיר איז אין דער דאָזיגער מינוט זער געברוויכיג אַזאַ אַוואַנטורע, איך זאָל אים דאָ פאַרהאַלטן. איך גיי צו צו אים נענטער אַ פּאָר טריט און פרעג מיט כעס: — וואָס האָט איר זיך אויף מיר אָנגעוואָרפן?

אָבער יענער האָט זיך שוין באַרואיקט, אומגעדרייט זיך און איז אַריין אין טויער און גייט אויף די זעלבע טריט ווי די פאַמיליע שפּער. איך ווייטער, נאָך אַ מינוט קלערן, גיי אים נאָך. איך טרעף נישט קיינעם, נישט אין טויער, נישט אין הויף און נישט אויף דניאל־גאַס, אויך נישט באַלד אונטערן טעאַטער פּלאַץ. אין ערגעץ קיינער נישטאָ. איך בין צוריק אויף דער קאַפּוצינער גאַס. נאָר געטראָפן האָב איך בלויז די באָבע. אין האָב זי אַריינגעזעצט אין אַ טראַמוויי און עקספּעדירט נאָך זשאָליבאַריש. נאָך אַמאָל בין איך אַדורכגעגאַנגען אַלע גאַסן, אַלע טראַמוויי שטעלעס. — קיינעם נישט. בין איך אַלזאָ אַריין אין אַ געוועלב און האָב אַהיים טעלעפאַנירט. דעם טעלעפאָן האָט אָפּגענומען מיין מוטער. איך האָב איר געזאָגט, אַז עס איז נישט גוט. נעמט איך



צוזאַמען און גייט אריבער צו טאַדעאושין. איך וועל אין אנדערטהאַלבן שעה קלינגען.

אויף דער גאַס ווערט פינסטער און עס פאַנגט אָן צו רעגענען, אַזאַ דינער, דעליקאַטן רעגן ווי אַ נעבל, אַזאַ פאַר־ווינטער רעגן וואָס נעמט אַרום די וועלט מיט אַ קאַלטער פייכטקייט. עס איז שוין גאַנץ פינסטער דורך די שמאָלע שפּאַרעס אין די פאַרהאַנגענע מיט שוואַרצן פּאַפּיר פענצטער, רייסן זיך פאַסן ליכט. אַ פוילע קעלט נעמט אַדורך מיין גאַנצן גוף. איך גיי אַריין ערגעץ אין אַ קליינע קאַוויאַרניע און הייס מיר דערלאַנגען עכטן שוואַרצן קאַפע. עכטע קאַווע איז אין יענער צייט ביי דער דייטשער אָקופּאַציע געווען אַ טייערן ביסן אויף וועלכן מען האָט זיך זעלטן געקאָנט ערלויבן. איך וויל מיך אויף אַ ווילע צוזאַמענעמען און באַשטימען וואָס עס איז דאָ צו טאָן. מען דאַרף פאָרן נאָך זשאָליבאַריש. אפשר וועלן זיי אַהין קומען. אַ פּאָר מינוט וואַרט איך אויף דער טראַמוויי סטאַציע.

אויף זשאָליבאַריש איז פינסטערער ווי אין גאַנץ וואַרשע. עס רעגנט אַלע מאָל שטאַרקער. איך גיי אין דער פינסטער, איך זע גאָרנישט. פון איין גאַס אין דער אנדערער אריין. איך פאַל אַריין אין אַ בלאָטע און ענדליך בין איך שוין אויף דער שטעלע. די טיר צו די טרעפּ איז פאַרמאַכט. איך קלינג אַרויף אויפן צווייטן שטאָק אין דער באָבעס דירה אַריין. קיינער ענטפערט נישט, קיינער גייט נישט עפענען. וואָס טוט מען? איך דעצידיר מיך און קלינג אָן אין דער וואוינונג אויפן ערשטן שטאָק צו באַקאַנטע שכנים.

עמיצער גייט אַראָפּ עפענען.

איך פרעג מיך אויף מיין באָבען. זי איז נישטאָ. קיינער ווייסט נישט. קיינער ווייסט גאָרנישט. מען בעט מיך אַרויף, גיי איך. מען זעצט מיך אויף אַ שטול, זיץ איך. איך מוז עפּעס אויסזען נישט געוויינלעך. אַלע פרעגן מיך וואָס מיר איז. איך ענטפער עפּעס. אין דער ווירקלעכקייט פאַרשטיי איך גאָרנישט, און דאָס דערנערווירט מיך. פאַר וואָס, למשל, איז נאָך אַלץ די באָבע נישטאָ?

די גוטהאַרציגע שכנים נעמען מיר אַראָפּ מיין פּאַלטאָ, פון וועלכן עס רינט וואַסער. מען ברענגט מיר טיי. מען איז מיך מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס. איך פאַרצי מיך מיטן פּאַפּיראָס מיט פאַרגעניגען. נאָך אַ האַלבער שעה קומט אָן די פלינקע באָבע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז איך האָב זי אַריינגעזעצט אין אַ שלעכטן טראַמוויי און זי איז געפאָרן אין אַ גאַנץ פאַרקערטן עק שטאָט. איך פרעג מיך אויף דער פאַמיליע שפּער. זי ווייסט גאָרנישט קיין שום ניעס. עס דערנענטערט זיך די אַכטע שעה אין אָוונט. — צי געדענקן זיי כאָטש גוט דעם אַדרעס? — פרעג איך. אָבער די באָבע ווייסט נישט. אמת, איך דערמאָן מיך, דאָס אין דער לעצטער מינוט האָב איך דער פרוי שפּער געזאָגט דעם אדרעס. צי זי האָט אָבער נישט פאַרגעסן? איך באַשטים אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין, אפשר זענען זיי ערגעץ. אויף דער גאַס איז פינסטער, פאַר צוויי טריט זעט מען קיינעם נישט. עס רעגנט בסדר אָן אַ סוף. עס איז

גאַנץ לער. מען הערט נישט קיין שום טריט און קיין שום קול. טאַפּטשענדיק אין דער בלאָטע בין איך פאַרביי געגאַנגען אַלע שכנותדיגע גאַסן ביזן אינוואַלידן פּלאַץ, און גיי צוריק, קיינעם נישט געטראָפן.

(סוף אין קומענדיקן חודש)

# אַ תשובה אויף אַ „הייליקן״ „עמעס״!

**חשוב׳ער פריינט אַ. נ. שטענצל!**

דערלויבט מיר צו פאַרעפנטלעכן אויף די שפּאַלטן פון „לשון און לעבן״ פאָלגענדע שורות:

אויף מיין בריוו (אין סעפּטעמבער־נומער פון „לשון און לעבן״) וועגן פּרץ מאַרקיש און מיין פּיעסע „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע״, האָט אין דער מאָסקווער „איינִיקייט״ פון 2־טן אָקטאָבער, 1948, זיך באַוויזן אַ „תשובה״ געצייכנט פון ג. פישמאַן און ב. זוסקין (דער ערשטער, אַלס דירעקטאָר און דער צווייטער, אַלס קינסטלערישער לייטער פונם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער אויף ש. מיכאעלס׳עס נאָמען) אין וועלכן זיי ווילן ריינוואַשן פּרץ מאַרקישן פון מיין באַשולדיקונג, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פּלאַגיאַט פונם נאָמען פון מיין פּיעסע.

די צוויי דערמאָנטע הערן באַמיען זיך „אויפצואווייזן״ מיט אַ רכילות׳ל און מיט אַ פעלשונג אַלס אַ צולאַג, אַז „דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער איז קיינמאָל ניט אַריינגעטראָטן אין פאַרהאַנדלונגען מיט דעם דאָזיקן אָנקלאָגער״. איך האָב (אין מיין בריוו אין לשון און לעבן״) ניט געמאַכט אַזאַ באַהויפּטונג און געזאָגט קלאָר און דייטלעך, אַז מיכאעלס, ע״ה האָט מיר געמאַכט דעם פאָרשלאָג אויפצופירן מיין פּיעסע אינם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, וכדומה. איך האָב אויך ניט געמאַכט אַ באַהויפּטונג, אַז די מיר אומבאַקאַנטע הערן ג. פישמאַן אָדער ב. זוסקין, האָבן ווען עס איז מיט מיר פאַרהאַנדלט וועגן דעם ענין.

די בריוו־שרייבער זאָגן, למשל, אַז „איך (מיין וויניקייט, הייסט עס) האָב געמאַכט מיין אָנקלאָגע אויסגערעכנט אויף טרויעריקער פּאָפּולאַריטעט״. (אומשטיינס געזאָגט, דווקא אין דער מאָסקווער „איינִיקייט״, זוך איך אַ ביסעלע פּאָפּולאַריטעט...). און דער עיקר: אַז מיין „אָנקלאָגע איז אַ געמיינע ליגן״; אַז „דער נאָמען פון פּרץ מאַרקיש׳עס קאָמעדיע איז קיינמאָל ניט געענדערט געוואָרן, פּונקט ווי עס זיינען ניט געוואָרן געענדערט דער נאָמען פונם אינזל און די ראָלע פונם העלד״.

ווען די זער „כּאַשעווע״ הערן פישמאַן און זוסקין וואָלטן זיך אַביסל מטריח געווען און נאָכגעבלעטערט די נומערן „איינִיקייט״ פון די חדשים מערץ און אַפּריל, 1948, וואָלטן זיי זיך אַנגעשטויסן אין דער סתירה פון זייערע ווערטער. זיי וואָלטן זיך איבערצייגט, אַז פריער איז די פּיעסע געוואָרן



אָנאָנסירט אַלס „קעניג פון לאַמפּעדוסע״, דאַן אַלס „דאָקטאָר לאַמפּעדוסע״ און שפּעטער, ווידער אַלס „קעניג פון לאַמפּעדוסע״.

עס איז מעגלעך, אַז די ה״ה פישמאַן און זוסקין לייקענען ניט זייער „איינִיקייט״, וויל איך זיי רעקאָמאַנדירן אויפצובלעטערן דעם ניו־יאָרקער „איקוף״ זשורנאַל „יידישע קולטור״ (אויגוסט־נומער, 1948), אָדער דעם פּאַריזער זשורנאַל „אויפסניי״ (אגב, די ביידע זשורנאַלן שטיין אידעאָלאָגיש גאָר נאָענט צו דער מאָסקווער „איינִיקייט״), וועלן זיי לייענען שוואַרץ אויף ווייס, אַז אַחוץ דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, גרייט זיך אויך דער בירא־בידזשאַנער יידישער טעאַטער אויפצופירן אין יאָר 1948, פּרץ מאַרקיש׳עס נייע קאָמעדיע „דאָקטאָר לאַמפּעדוסע״.

אָט די קאָנקרעטע פאַקטן, וואָס איך האָב דערמאָנט אין מיין פריערדיקער אָנקלאָגע (אין סעפּטעמבער־נומער „לשון און לעבן״) און די פאַקטן וואָס איך דערמאָן איצט, זיינען נאָך אַלץ ניט אויסרייכנד גענוג, כדי צו סטעמפּלען דעם אויבנדערמאָנטן בריוו אין די מאָסקווער „איינִיקייט״ — אַלס אַ געמיינהייט?

די פּאָלעמיק אַרום דעם ענין איז מיר פּיינלעך און אומאָנגענעם און איך פאָדער בלויז גערעכטיקייט.

ניט מער ווי גערעכטיקייט!

לאָנדאָן, נאָוועמבער, 1948

מיט כבוד,

**ש. י. דאַרפזאָן**

פּ.ס.

„דאָס נייע לעבן״ פון וואַרשע (פון 17־טן אָקטאָבער, 1948), וואָס פּרעטענדירט צו זיין דאָס „אָרגאַן פון צענטראַל קאָמיטעט פון יידן אין פּוילן״ האָט געפונען פאַר נויטיק איבערצודרוקן די „דערקלערונג״ פון ג. פישמאַן און ב. זוסקין. אדרבא: פאַרוואָס זאָל אני הטקן, ניט ווערן „פּאָפּולער״ אויך אין פּוילן? אָבער „דאָס נייע לעבן״ איז באַגאַנגען אַ קליינטשיק געמיינהייט פרעגנדיק אַ כעלמער קלאָץ־קשיא:

„עס איז בלויז אינטערעסאַנט צו וויסן, ווער עס שטייט הינטער דאַרפזאָנ׳ס באַשולדיקונג״ (אַז פּרץ מאַרקיש איז באַגאַנגען אַ פּלאַגיאַט איבער דעם נאָמען פון מיין פּיעסע „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע״).

ווער? — ווילט איר דווקא וויסן? איך וועל אייך מגלה זיין דעם „סוד״:

— וויכנע־דוואַשע די שדכנ׳טע, יענטע טעלעבענדיק און דער „מאַרשאַלפּלאַן״, במחילה!

אָט די דאָ־דערמאָנטע אַנאָנימע „טראַיקע״ שטייט הינטער מיין באַשולדיקונג!

איך האָף, אַז דער חשובער רעדאַקטאָר פון „דאָס נייע לעבן״ וועט פון דער תשובה האָבן אַ מאָראַלישע סאַטיספאַקציע און — האַדיע!

ש.י.ד.

## ש. האַלקין (מאָסקווע)

# סאָוויעטישע ליריק

(וועגן איציק פעפער׳ס בוך לידער „אפּסניי״) (המשך)

ביי די, וואָס קאָנען ניט פּעפּערס דיכטונג; ביי די, וואָס האָבן נאָר אַ שמעק געטאָן און זאָגן שוין מבינות — ביי אָט די אַלע שיינע מבינים שטייט ניט פּעפּער אין דער רובריק פון די געשוואוירענע ליריקער. אויף די שענסטע דיכטערישע מעלות וועלן זיי איינגיין: אַ פּאָעט מיט אַן אייגנאַרטיקן טאַלאַנט, אַ פאָלקטימלעכער פּאָעט, אַ פּאָליטיש־אַקטועלער פּאָעט, אַ פּאָעט — אַ בירגער, אַ פּאָעט מיט פיינעם הומאָר, מיט איינגעבוירענער מוזיקאַלישקייט, אַ פּאָעט, וואָס האָט געשאַפן זיין אייגענעם פּעפּערישן נוסח — אַלץ יאָ, נאָר ניט קיין ליריקער.

פאַרוואָס?

דערפאַר, ווייל זיי ווייסן ניט, וואָס ליריק הייסט, אָדער זיי מאַכן זיך ניט ווייסנדיק, וואָס פּעפּער שרייבט.

אָט האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין: נעם דאָס בוך „אפּסניי״, בלעטער ניט, זוך ניט —עפן, דאָרט, וואו עס וועט זיך עפענען, — לייען.

וואָס־זשע פאַר אַ ליד, מיינט איר, איז מיר אנקעגנגעקומען?

די בלאָנדע קעלט פון דיינע האָר\
האָט מיר אין דאָרשט מיין קוואַל געלייטערט:\
זי האָט מיך קיינמאָל ניט דערווייטערט,\
די בלאָנדע קעלט פון דיינע האָר.

ווען ס׳פלעגט דער האַרבסט אויף צווייגן שפּילן\
מיט מעש פון בלעטערדיקן דאַר,\
פלעג איך אין בלעטער־פאַל דערפילן\
די בלאָנדע קעלט פון דיינע האָר.

אין פרילינגדיקן ווינט אין שטילן,\
ביים קאַלטן זילבער פון קאַיאַר,\
אין רייפן ווייץ אויף אָוונט־מילן —\
די בלאָנדע קעלט פון דיינע האָר.

ביים אונטערגאַנג, ווען ס׳האָט די זון מיר\
געמישט מיין „טונקל״ און מיין „קלאָר״ —\
האָט מיך דערפרישט אין גלי פון זומער\
די בלאָנדע קעלט פון דיינע האָר.

און אַלע מאָל, ווען כ׳פלעג דערשפּירן,\
אַז ס׳ווערן שמעלער אַלע טירן,\
אַז ס׳גייט די צייט און כ׳מוז פאַרלירן



מיין יוגנט — מיין באַשערטע פּאָר.\
איז ווייניק ווער ס׳האָט זיך דערבאַרעמט\
אויף מיינע דורכזיכטיקע יאָר.\
ס׳האָט מיך אין ווינטער טעג געוואַרעמט\
די בלאָנדע קעלט פון דיינע האָר.

נו וואָס? יאָ ליריק, צי ניט ליריק? און אויב איר ווייסט ניט, זאָלט איר ווייסן, אַז אַזוי פריי אויסצואָטעמען אַזאַ עכטע ליבע־ליד, אַזוי פאַרכאַפּנדיק אויסשעפּן די גאַנצע לירישע שטימונג קאָן נאָר אַ דיכטער, ביי וועמען דער לירישער קוואַל איז ניט פאַרוואַלגערט מיט קיין שטיינער. אַפילו איינע אַזאַ ליד איז שוין אַ באַווייז, אַז דער וועג צווישן דעם דיכטער און דעם קוואַל איז אַ גוט דורכגעטראָטענער און אַז דער דיכטער טרעט צו אים מיט פאַרמאַכטע אויגן.

איך עפן אַ צווייט מאָל דעם בוך, און איך טרעף אַ ריינע געמיט־ליד אויפן פאַן פון דער נאַטור:

איך זאָג עס נאָכאַמאָל און ווידער:\
ס׳איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט!\
עס ווערט אונז קיינמאָל ניט דערווידער\
דאָס שורשנדיקע גראָז אין פעלד,\
דער רייפער עפּל אויף די צווייגן,\
וואָס בענקט שוין נאָכן מיידלס קוש,\
פון ברעגן אוראַלטע דאָס שווייגן,\
פון כוואַליעס אוראַלטע דער רויש.

. . . כ׳האָב ליב דעם בליץ, כ׳האָב ליב דעם דונער,\
כ׳האָב ליב דעם רעגנדיקן גוס,\
ווען טיף אין האַרצן שיינט די זון נאָך,\
און ס׳איז די ערד אין דיין רשות.

צום דריטן מאָל האָט דער בוך זיך געעפנט מיטן אָפּטייל „לעבן מיינס״, וועלכן איך וואָלט דאָ כמעט אינגאַנצן געקאָנט ציטירן אַלס ביישפּיל פון פּעפּערס ליריק. נאָר לאָמיר דורכלייענען דאָ בלויז צוויי אויסצוגן פון צוויי באַזונדערע לידער אין דעם דאָזיקן אָפּטייל, לידער מיט אַבסאָלוט פאַרשידענע שטימונגען. נאָר ביידע זאָגן זיי עדות וועגן דעם דיכטערס אָפּנהאַרציקייט און עמאָציאָנעלער אָנגעזעטיקטקייט. די ערשטע ליד איז אַ מין ווידוי, אַ בעשפרעך אויג אויף אויג מיטן געוויסן. דעם דיכטער האָט זיך אויסגעדוכט, אַז נאָך אַזאַ קאַטאַסטראָפע אויף דער וועלט, נאָכן חורבן אינעם לאַנד, נאָך אַזאַ בראָך ביי אונזער פאָלק, איז זיין גאַנג — צו רואיק און זיין אויג — צו קאַלט.

כ׳האָב שוין אַליין אַזויפיל וועגן דעם דערציילט\
און כ׳פיל, ווי ס׳קילט מיין שפּראַך, מיין קול —\
זיי ווערן האַרט, ווי שטאָל.

ווי כ׳וואָלט שוין צוגעוואוינט געוואָרן
צו אַלץ, וואָס איז פאַרלאָפן ערשט ניט לאַנג
אין אָט די שווידערלעכע יאָרן.

צו רואיק איז מיין גאַנג,
צו קאַלט זיינען די אויגן.

און אַ ביסעלע ווייטער לייענען מיר:

געבענטשט זאָל זיין די שיין,
וואָס בריט מיר מיינע אויגן
און רודערט אויף מיין זיין.

און גלייך נאָך דעם ליד קומט די צווייטע, אונטערן נאָמען: „פליט דער פויגל צו זיין נעסט״, וואו עס ווערט דערציילט, ווי אַזוי אַ פויגל האָט זיך אומגעקערט אַהיים און האָט ניט געפונען ניט די נעסט און ניט דעם בוים. פאַרשטייט זיך, דאָס פאַרגלייכן דעם חורבן פון מענטשלעכע משפחות צו אַ חרוב׳ער נעסט איז ניט קיין נייעס, און אַרויסרופן וואָלט עס נאָר פאַרדרוס, ווען ניט פעפער, איך מיין, ווען ניט זיין טרויעריקער שמייכל, וואָס באַ׳חנ׳ט די דאָזיקע ליד, ווען ניט דער מענטשלעכער ווייטאָק, וואָס קוקט אַרויס פון דער דאָזיקער ליד; ווען ניט די וואַרעמקייט פון אונטער די פויגלש׳ע פליגלען, וואָס וואַיעט פון אָט דער ליד. מיר ברענגען פון איר בלויז איינע סטראָפעס:

קוקט דער פויגל אויף דער ערד —
נעמט דאָס האַרץ אים שטוינען.
נאָר וואָס קאָן אַ פויגל טאָן,
ווען ער קאָן ניט וויינען?

זינגען, זינגען קאָן ער נאָר....
זינגט זיך ניט, רבותי!
קוקט ער מיט זיין קליינעם אויג
אויף דער וועלט דער גרויסער...

...זעט ער: ס׳פליען אינדערהויך
פויגלען — זיינע ברידער
און זיי זינגען, ווי אַמאָל,
פרילינגדיקע לידער.

זיצט דער פויגל אויף דער ערד,
און אין רויש פון רעדער —
אַזוי שטיל און אַזוי צאַרט
פליט פאַרביי אַ פעדער.



און אַ שטרוי דערזעט ער אויך
זער נאָענט ליגן,
גיט דער פויגל זיך אַ הויב
אויף די גרינגע פליגל..

ער האָט פּלוצים זיך דערמאָנט,
זיצנדיק פאַרלוירן,
אַז פון פעדערן מיט שטרוי
ווערט אַ נעסט געבוירן.

און אַזוי ליד נאָך ליד.

כדי צו פאַר׳סך־הכל׳ען מיין געשפּרעך, מוז איך צוגעבן נאָך עטלעכע ווערטער וועגן דעם, וויאַזוי איך באַנעם דעם באַגריף ליריק אין אייגנטלעכן זין פונעם וואָרט.

(סוף, קומענדיקן חודש)

---

## מ. אלמאַן

# לייענענדיק...

די טעג האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט צו לייענען „די געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין אומאָפּהענגיקן פוילן״ פון ח. ש. קאַזדאַן, אַרויסגעגעבן אין מעקסיקאָ אין יאָר 1948. דאָס בוך איז געווידמעט דעם אָנדענק פון שלמה מענדלסאָן, דעם מיטשעפער פון די יידישע וועלט־שולן אין פוילן.

איך בין נישט קיין רעצענזענט פון ביכער, פונדעסטוועגן האָב איך באַשלאָסן, אָנצושרייבן אַ נאָטיץ וועגן דאָזיקן בוך. האָב איך דאָך באַלאַנגט צו דער גרויער מאַסע לערער, וועלכע האָט דערהערט דעם רוף פון דער צייט און געדינט בלב ונפש דער יידיש־וועלטלעכער שול...

געפינענדיק זיך איצטער אין אַ פאַרענגלישטער סביבה פון יידן; אין אַן אייז־קאַלטער אַטמאָספער וואָס רינגלט ארום די יידישע שפראַך און ממילא — די יידישע ליטעראַטור און אַלץ וואָס ווערט אין דער פאָלקס־שפראַך געשאַפן, האָב איך בכיוון זיך שטאַרקער פאַרטיפט אין דער „געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין אומאָפּהענגיקן פוילן״ און געזוכט צו געפינען אַ פאַרענטפערונג פאַר אַלע עוולות וואָס ווערן דאָ באַגאַנגען, באַוואוסטזיניק, לגבי יידיש.

אינם דערמאָנטן בוך זעט איר, ווי אַזוי ס׳האָבן זיך באַצויגן צו יידיש אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. ווי צאָלרייך די יידן זענען דאָרט נישט געווען, האָט דאָך דער רוב פון זיי געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער אייגענער שפראַך, און ביי אַלע שווערקייטן וואָס האָבן נישט געטראָפן, געגעבן זייערע קינדער אַ יידישע דערציאונג אין דער יידישער שפראַך.

ווי אין אַ רעגנבויגן שיינען אַרויס אַלע קאָלירן פון דער יידישער דיפּע־

רענצירטער געזעלשאפט, פון לינקס ביז רעכטס. און פון וואָסער זייט מ׳זאָל נישט געווען צוגיין, איז איין ציל געווען פאר אלע: דורך יידיש אויפצוהאלטן דעם קיום פון פאָלק.

דער ערשטער שול־צונויפֿפאָר פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין יאָר 1921, אין וועלכן ס׳האָט אנטייל גענומען די גאַנצע פּראָגרעסיווע יידישע געזעלשאפט, פּראָקלאַמירט: „די יידישע שול איז די שול מיט דער יידישער אונטערריכט־שפּראַך״. דער פאָרזיצער פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע, צישאָ, ב. מיכאַלעוויטש האָט אין זיין אַרטיקל „די שול און די אַרבייטערשאַפט״ געשריבן: „די שול מוז ווערן אַן אינסטרומענט פאר בילדונג און פּראָלעטאַרישער, סאָציאַליסטישער דערציאונג״ (געשיכטע ז. 101).

איך וויל אָבער בכיוון דאָ זיך נישט אָפּשטעלן ברייטער אויף דעם טייל וואָס נעמט ארום אין בוך די געשיכטע פון יידיש־וועלטלעכן שולוועזן, די שולן, וועלכע זענען אויסגעטראָגן געוואָרן אויף די פּלייצעס פון די יידישע אַרבייטער, אָרגאַניזירטע אין „בונד״.

דאָ, אין ענגלאַנד, האָבן די אויבערהאַנט אין די שולן, וואָס באַדינען די יידישע קינדער, רבנים און אַנדערע פרומע לייט. אין די דאָזיקע שולן ווערט דאָך יידיש איגנאָרירט און פאַרטראָטן מיט ענגליש. איז כדאי צו זען ווי אַזוי ס׳האָבן זיך באַצויגן צו יידיש די פרומע מנהיגים אין פּוילן. נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן שאַרף באַקעמפט די יידיש־וועלטלעכע שולן, האָבן זיי דאָך געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך.

„די יידישע שפּראַך איז אַ לשון, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין גלות, אויסגיסנדיק אין איר דעם גאַנצן פאָלקטימלעכן חן. די דאָזיקע שפּראַך איז געוואָרן דער אויסדרוק פון דער יידישער נשמה, פון די יידישע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען, פון די יידישע פריידן און ליידן...

„יעדע גרינגשעצונג צו אָט דעם פאָלקסטימלעכן לשון איז אַ גרינגשעצונג פון אונדזער גאַנצער רומרייכער פאַרגאַנגענהייט אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעפורעמט די צורה פון יידישקייט. די דאָזיקע שפּראַך איז דער איינציקער אינסטרומענט, מיט וועלכן עס קאָנען ווי געהעריק דענקען און פילן די ברייטע מאַסן פון פאָלק. אַזאַ טייערע כלי מוזן מיר היטן און שוינען, אַ פשיטא שוין, אַז מיר טאָרן זיך מיט איר נישט שעמען, אדרבא, מיט איר שטאָלץ זיין און ביי יעדער געלעגנהייט, אין יעדער געזעלשאפט דאַרפן מיר איר מאַניפעסטירן. (ז. 453, בראָשור נומ. 3 פון דער אָרטאָדאָקסישער פּראָפּאַגאַנדע־ביבליאָטעק אָנגעשריבן דורך א. מ. ראַגאָוואָי).

„פונקט ווי אַ מענטש מוז זיך קליידן אין געהעריקע מלבושים, וואָס שיצן אים פון פאַרשידענע סכנות, אַזוי מוז אַ פאָלק היטן זיין אייגנאַרטיקייט דורך זיין שפּראַך. דאָס אָפּהיטן די אייגענע פאָלקשפּראַך איז אַ גרויס שוץ־מיטל אַקעגן אסימילאַציע און קען ווערן אַ גורם צו גאולה... לשון הקודש איז ביי אונדז הייליק, יידיש איז אונדז ליב. אָבער ביידע דאַרפן ווערן געשטעלט אין דינסט פון יידישקייט און פון אמונה. מאַכן פון זיי אָפּגעטער, צו וועלכע



מען דאַרף דינען, איז פונקט אַזוי ווי יעדע עבודה זרה. אויב העברעאיש איז געוואָרן דער אָפּגאָט פונם פרייען אפיקורסישן נאַציאָנאַליזם און יידיש — פונם גאָטלאָזן סאָציאַליזם, — דאַרפן זיי דאָך ביי אונדז נישט פאַרלירן זייער חשיבות, פונקט ווי ס׳דאַרף נישט מיאוס ווערן די זון, ווייל אויך געצנדינער בוקן זיך צו איר״. (ז. 454, „בית יעקב״, נומער 1943, תרצ״ז — א. ז. פרידמאַן).

שלמה מענדלסאָן שרייבט אין „צוקונפט״ פון מערץ 1946 אין זיין אַרטיקל „„דאָס יידישע שולוועזן אין פּוילן״:

„אַלע טיפן שולן האָבן זיך געפונען אין ווירקונגס־קרייז פון פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס אין יידישן לעבן. דערפון איז שוין קלאָר, אַז זיי זענען אין תוך גענומען געווען געבונדן מיט פאַרשידענע שיכטן, קלאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין דעם וועג איז געלעגן זייער כוח, פון דאַנען — זייער פאַרב, זייער אייגנטימלעכער קאָליר״ (ז. 7־556).

די יידישע שולן האָבן אַריינגעברענגט לעבן און פרייד אין די יידישע היימען, וואָס האָבן זיך געפונען אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך.

די, וועלכע זוכן איצטער אַ יידישע שול, וואָס זאָל באַפרידיקן אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, קענען פון דער געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן פיל לערנען.

די יידישע שולן האָבן דערצויגן אַ דור, וואָס האָט אין שווערסטן מאָמענט פאַרן יידישן פאָלק אויסגעהאַלטן דעם פייער־פּראָווע ביז אומקומען בקדושה.

די געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן פון ח. ש. קאַזדאַן דאַרף אַריינגענומען ווערן אין דער לעקטור־רשימה פון יידישע לערער־סעמינאַרן.

## יערלעכע מיטגלידער פאַרזאַמלונג פון היגן ייווא

זונטאָג, דעם 21־טן נאָוועמבער, האָט דער ייוואָ אָפּטייל אין לאָנדאָן, אונטערן פאָרזיץ פון לעאָ קעניג, אָפּגעהאַלטן זיין יערלעכע מיטגלידער פאַרזאַמלונג. ווי עס פּאַסט פאַר אַ ייוואָ־אסיפה, זענען אויפן ערשטן אָרט פון סדר־היום געשטאַנען די פּונקטן: ייוואָ און יידישע געשיכטע פאָרשונג — י. פאָדרושניק: ייוואָ אין אמעריקע — יעקב מייטליס; און ערשט שפּעטער זענען געקומען באַריכטן, דעבאַטן און וואַלן פון אַ נייעם עקזעקוטיוו. צוליב דעם, וואָס י. פאָדרושניק האָט צוליב זיין קראַנקהייט נישט געקענט קומען, האָט אים פאַרטראָטן דר. א. שטיינבערג, וועלכער איז ערשט צוריקגעקומען פון ניו יאָרק, וואו ער האָט, אַלס רעדאַקטאָר פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע, נאָענט מיטגעאַרבייט מיט דער היסטאָרישער סעקציע פון ייווא און זיך ברייט באַנוצט מיטן ייוואָ־אַרכיוו. דר. שטיינבערג האָט לעבעדיק געשילדערט די אַרבייט פון ייוואָ אויפן געביט פון געשיכטע־פאָרשונג, אילוסטרירנדיק מיט אַ ריי פאַקטן די פאַרבינדונג פון דער ייוואָ־פאָרשונג מיט די פּראָבלע־

AUTHOR
Cl. Mark
Date sent:

מען פון דער [illegible]לעכקייט. דר. מייטליס, וויסנשאַפטלעכער סעק־רעטאַר פון ייוו[illegible] איז געווען אַ דעלעגאַט פון ייוואָ אויפן קולטור קאָנגרעס אין ניו יאָרק און האָט אָפּגעגעבן אַ קורצן באַריכט וועגן דער אַרבייט פון קאָנגרעס. אָבער מער אויספירלעך האָט ער גערעדט וועגן די אָרגאַניזאַציאָנעלע און אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען, וואָס שטייען הײַנט פאַרן ייוואָ אין אַמעריקע און וועגן דעם פאַרנעם פון זיין וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט. דר. מייטליס האָט אויך אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער וויסנש. סעקציע פון ייוואָ אין לאָנדאָן און בעיקר מכוח די הכנות אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך וועגן דעם יידישן ישוב אין ענגלאַנד פאַר די לעצטע 80־100 יאָר.

אַ באַריכט וועגן דער אַלגעמיינער טעטיקייט פון ייוואָ פאַרן יאָר 1948 האָט אָפּגעגעבן ל. פּינעס, ערן־סעקרעטאַר פון ייוואָ. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט צו פאַרברייטערן און פאַרטיפערן די טעטיקייט, ווי אויך צו גרינדן אָפּטיילן אין דער פּראָווינץ. לויטן באַריכט האָט זיך די צאָל ייוואָ מיטגלידער פאַרגרעסערט מער ווי אויף אַ העלפט. צום ייוואָ געהערן ניט נאָר יחידים, נאָר אויך אָרגאַניזאַציעס, וואָס דעלעגירן זייערע פאָרטרעטער צום ייוואָ־ראַט. ביז הײַנט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין ייוואָ די פאָלגענדע אָרגאַניזאַציעס: פּראָפּאַגאַנדע קאָמיטעט און צענטראַל קאָמיטעט פון אַרבייטער רינג. בראַנטש נומער 3 פון אַרבייטער רינג, יידישער זשורנאַליסטן פאַריין, פריינט פון יידיש לשון, יידישער וועלט קאָנגרעס, קולטור אַמט, ייד. סענצ. אָרגאַניזאַציע, אַרבייטער הילף קאָמיטעט א.א. די אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך מתחייב געווען צו אַקטיוויזירן זייערע מיטגלידער פאַרן ייוואָ; צו פאַרשפּרייטן די ייוואָ אויסגאַבעס; דורכצופירן זאַמלונגען פאַרן ייוואָ אַרכיוו און צו קאָאָרדינירן זייער קולטור־אַרבייט מיטן ייוואָ.

נאָכן פינאַנציעלן באַריכט (א. מ. קייזער) און נאָך דער דעבאַטע, האָט די פאַרזאַמלונג געוויילט אַ נייעם עקזעקוטיוו, אין וועלכן ס'זיינען אַריין: ל. בליט, י. י. מייטליס, י. נאַטאַני, ע. סאָסנאָוויטש, י. פּאָדרוזשניק, ע. פּאָדאָלסקי, ל. פּינעס, לעאָ קעניג, א. מ. קייזער, א. ר. ראָלין און שאול רייזין (זון פון זלמן רייזין ז״ל).

לויטן סטאַטוט, איז דער ראַט פון די אָרגאַניזאַציעס באַרעכטיקט צו שיקן 2 פאָרטרעטער אין עקזעקוטיוו.

די פאַרזאַמלונג איז געווען גוט באַזוכט און איבערגעלאָזן דעם רושם, אַז דער היגער ייוואָ האָט אין משך פון יאָר זיך אויסגעבויט אין אַן ערנסטער און סאָלידער אָרגאַניזאַציע.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאַכמיטאָגס

(אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 4־טן דעצעמבער, — ד״ר יעקב י. מייטליס איבער אַמעריקע.
שבת, דעם 11־טן — מר. זוסמאַן וועט רעדן איבער יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן
שבת, דעם 18־טן — מ. מינדל — דאָס יידישע בוך. ל. בעלקין — זיד־אַפריקע
שבת, דעם 25־טן — אַ גרויסע חנוכה־פייערונג.



דעם ערן־סעקרעטאַר פון „פריינט פון יידיש לשון“

## אליהו פאלושאק

שיקן מיר איבער די האַרציקסטע גליקוואונשן צו זיין 50־טן געבוירן טאָג.

זיין פרוי גיטל און יולי פּאָלושאַק אויך די רעד. פון לשון און לעבן שליסן זיך אָן אין דער האַרציקער באַגריסונג.

## פויליש-יידישער קאמבאטאנטן פאריין אין לאנדאן.

שבת, דעם 4־טן דעצעמבער, אום 7 אַזייגער אין אָוונט וועט פאָרקומען אין אייגענעם לאָקאַל (9, עגערטאָן רויד, סטעמפאָרד היל) אַ פאַרלעזונג געווידמעט דער יידישער ליטעראַטור.

דער באַקאַנטער יידישער דיכטער א. נ. שטענצל וועט רעפערירן וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן.

### אן ארטיסטישן פראגראם — רעציטאציעס.

איינגאַנג פריי פאַר מיטגלידער און פריינט.

## דארא דימאנט ביים לידזער יידישן קולטור פאריין

דעם 12־טן דעצעמבער וועט די שוישפּילערין

ד אָ ר אָ  ד י מ אָ נ ט

לייענען און רעציטירן פון יידישע דיכטונג און פּראָזע
אין יידישן קולטור פאַריין אין לידז

## פרייע ארבעטער שטימע גרופע

צוזאַמען מיטן קאָמיטעט פאַר אַרויסגעבן ראָקערס שריפטן.

### אויפמערקזאם!

עס ווערט איצט צוגעגרייט צום דרוק די געשיכטע פון דער יידישער אַרבייטער באַוועגונג אין ענגלאַנד געשריבן פון רודאָלף ראָקער.
קוקט אויס פאַר ווייטערדיקע אָנאָנסן.

## חנוכה ליכטלעך און לאטקעס אין אונזער לאקאל

## א גרויסע חנוכה פייערונג „זאת-חנוכה“

פראפאגאנדע-קאמיטעט

פון דעם

ארבעטער-רינג

22, עלי סטריט, אלדגייט, א.1.

יעדן דאנערשטיק 7.30 אוונט

און

יעדן זונטיק 6.30 נאכמיטיק

קומען פאר

אינטערעסאנטע באלערנדיקע

רעפעראטן לעקציעס

איבער וויכטיקע קולטורעלע פאליטישע

ליטעראריש און אלגעמיינע ענינים

וועגן אלע איינצלהייטן זיך צו ווענדן

צום גענעראל-סעקרעטאר:

ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג



די סוף-חודש זונטיקס פון

„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן-אורי"

זונטיק 25־טן דעצעמבער 8 אוונט

אין לאקאל פון

„בן-אורי" קונסט גאלעריע

14 פארטמען סטריט וו.1.

חנוכה-פייערונג

עס וועלן זיך באטייליקן מיט רעציטא-

ציעס און רעדעס:

די שוישפילערין דארא דימאנט, אייזיק

גאלדבערג, נעט רובין, משה עובד, י.

ביטש און חזן רעוו. ש. ראטה

אריינפיר ווארט — א. נ. שטענצל

איינטריט פריי פאר מיטגלידער!

1 שילינג פאר נישט מיטגלידער

זיסע טיי און צובייסן



„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג

אין ענגלאנד.

(בשעת דער מלחמה —

די איינציקע אין איירארפע.)



**By Appointment**
**Dealer in Antiques to**
**H.M. QUEEN MARY**

CAMEO CORNER

**(Proprietor: Mosheh Oved)**

**are**

**Buyers and Sellers**

**of**

**Interesting Old Jewels**

**26 MUSEUM STREET,**
**LONDON, W.C.1.**
**MUSeum 0401.**



***Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1***



TOWER HAMLETS LIBRARIES